# פרשת וזאת הברכה - בראשית י"ג - כ"ו תשרי תשפ"ב לפ"ק

***יום ראשון פרשת וזאת הברכה***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יחזקאל דוד שווארץ** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף בכתיבת האותיות בספר תורה שנכתב על ידי הר"ר **שלמה צבי שפיטץ** הי"ו. **רבינו שליט"א** כתב אות בהספר תורה, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת קעסטענבוים שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר **חיים ברוך קעסטענבוים** ע"ה).

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יחזקאל דוד שווארץ** הי"ו, שהתקיים באולם בית רחל.

*

***יום שלישי – יום א' דסוכות***

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **שלמה האפפמאנן** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות וברכות וקריאת השם.

*

***יום רביעי – יום ב' דסוכות***

בליל יום טוב שני התקיים שמחת בית השואבה בהסוכה הגדולה שע"י בית מדרשינו. אחר שזימרו מזמורי שיר המעלות וניגוני החג השמיע **רבינו שליט"א** דברי תורה בעניני החג.

במוצאי יום טוב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי לשמחת בית השואבה שהתקיימה ברוב עם בהסוכה הגדולה שע"י בית מדרשנו תפארת יהושע. אחר שזימרו מזמורי שיר המעלות וניגונים לכבוד החג, השמיע **רבינו שליט"א** מדברותיו בעניני החג. אחר ברכת המזון נכנס **רבינו שליט"א** לבית המדרש לריקודין לכבוד החג.

***יום חמישי – יום א' דחוה"מ***

בשעות הלילה התקיים שמחת בית השואבה בבית מדרשנו (עקב ירידת גשמים). אחר שזימרו ניגונים לכבוד החג, השמיע **רבינו שליט"א** מדברותיו בעניני החג. אחר כך התקיימו ריקודין למשך זמן ארוך לכבוד החג.

*

***יום שישי – יום ב' דחוה"מ***

אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים לרגל היארצייט של זקינו **הגה"ק רבי חיים יהודא דייטש זצוק"ל** דומ"ץ מאקאווא.

***וזה תוכן השיחה:***

**היינט** איז דעם זיידענס יארצייט, ער איז געווען דער מאקאווער דיין. ער האט געשריבן מערערע ספרים, א טייל האט ער געדרוקט בחייו, און א טייל האט מען געדרוקט ערשט שפעטער. שפעטער האט מען געדרוקט דעם **אהבת חיים**, איין באנד על התורה, און איין באנד אויף מועדים. אויף סוכות שרייבט ער אין אהבת חיים (אות א'), אז די גמרא (סוכה כח:) זאגט, כל האזרח בישראל ישבו בסוכות (ויקרא כג-מב), כל האזרח לרבות את הגרים. מען געפונט נישט ערגעץ אנדערש, אז מען דארף האבן א ריבוי, אז א גר איז מחויב צו טון א מצוה. אז ער איז א גר, איז ער מחויב צו טון אלע מצות אין די תורה. אין די מפרשים שטייט, אזוי ווי סוכות איז א זכר אויף יציאת מצרים, און ער איז דאך נישט געווען אין יציאת מצרים, וואלט געווען א סברא צו זאגען, אז ער איז נישט מחויב אין די מצוה, דארף מען האבן א פסוק כל האזרח בישראל, אז א גר איז אויך מחוייב.

**דער** זיידע זאגט נאך א טעם, פארוואס מען דארף האבן א פסוק מרבה צו זיין א גר. ווייל דער **בני יששכר** (תשרי י-טו) שטעלט זיך, פארוואס מאכט מען א זכר נאר אויף די ענני הכבוד וואס איז געווען אינעם מדבר, עס איז געווען נאך אנדערע נסים אויך, די מן, און די באר, עס איז געפאלען יעדן טאג צו עסן און צו טרינקען. איינע פון די טעמים ברענגט ער צו פונעם **חיד"א** (בספרו **ראש דוד** ריש פ' אמור), אז מן און באר איז געפאלען פאר יעדן איינעם, אפילו פאר די ערב רב אויך, אבער די ענני הכבוד איז

געווען נאר פאר יודען. די ערב רב זענען געזעסן אינדרויסן פון די ענני הכבוד (זוה"ק ח"ב קצא:). עס איז דאך דא א דיעה אז די זכר פון סוכות איז כי בסוכות הושבתי, אין די ענני הכבוד. זענען דאך גרים, די ערב רב, נישט געזעסן אין די ענני הכבוד, דארפן זיי דאך נישט האבן א זכר כי בסוכות הושבתי, וואלט מען געקענט זאגען אז זיי זענען פטור פון מצות סוכה. דארף מען האבן א פסוק לרבות את הגרים, אז זיי זענען אויך מחוייב, כאטש די ערב רב זענען נישט געזעסן אין די סוכה.

*

**איך** האב נאכגעזאגט שבת שובה ביי די דרשה, אז די גמרא (ברכות יז:) זאגט, אז רב אשי האט געזאגט, אז די גוים פון מתא מחסיא זענען אבירי לב, זיי האבן א שטארק הארץ, זיי ווערן נישט נתפעל פון גארנישט. אז עס איז געווען דארט בשבתא דריגלא אזא כבוד התורה, און עס האט זיי נישט באוואויגען אז זיי זאלן זיך מגייר זיין, איז א סימן אז זיי זענען אבירי לב. אזוי האט רב אשי געזאגט. האט מיך איינער געפרעגט נאכדעם, יודען זענען דאך געווען אין מדבר, און עס איז געווען נסים ונפלאות, יציאת מצרים, קריעת ים סוף, שמעו עמים ירגזון, חיל אחז ישבי פלשת, מתן תורה האט מען געהערט אין די גאנצע וועלט, און מען געפונט נישט אז עס זענען זיך געקומען מגייר זיין, נאר יתרו. וואו זענען געווען די טויזנטער גרים וואס האבן געדארפט קומען פון די אלע נסים. פארוואס זאגט מען נישט, אז די אלע זענען אבירי לב.

**האב** איך געזאגט, אז עס איז נישט קיין הכרח. עס קען זיין אז עס זענען געווען טויזנטער גרים, ווער זאגט אז נישט. אויסער די ערב רב האבן געקענט זיין נאך גרים. די תורה פארציילט נאר פון יתרו, ווייל יתרו האט געהאט א פרשה, וואס ער איז געקומען דעמאלטס, און ער האט מוסיף געווען א פרשה אין די תורה, און ער איז געקומען צו משה רבינו, פארציילט עס די תורה. אבער נישט אז יתרו איז געווען דער איינציגסטער גר, עס קען זיין אז עס זענען געווען אסאך גרים אינעם מדבר. דאס מיינט, אז ווען מען רעדט פון גרים וואס זענען געווען חוץ פון די ענני הכבוד, רעדט מען נישט נאר פון די ערב רב אליין, די ערב רב זענען אויך געווען גרים, זיי האבן געמוזט מקבל זיין די תורה, אז נישט האבן זיי נישט געקענט בלייבען דארט. אין תרגום יונתן (שמות יב-לח) שטייט, אז עס איז געווען פינף מאל אזוי גרויס די ערב רב, ווי דער כלל ישראל, אזויפיל זענען מיטגעקומען צוזאמען.

**מען** זעהט אין פרשת נצבים (דברים כט-ט), אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלקיכם וגו' וגרך אשר בקרב מחניך, מחוטב עציך עד שואב מימך, אלע שטייט עטץ דא. ווען האט ער געמיינט מיט וגרך אשר בקרב מחניך. אלץ האט מען געטייטשט, אז וגרך גייט ארויף אויף די ערב רב, די זענען געווען די גרים. אבער עס איז נישט קיין הכרח, ווייל עס קען זיין אז עס זענען צוגעקומען גרים במשך פון די יארן אינעם מדבר.

**אויסער** אויב דעמאלטס איז יעדער געווען אבירי לב, און געבליבן איז נאר מתא מחסיא. די דורות ווערן שוואכער אז מען האט נישט געהאט אזעלכע שטארקע הערצער. עס איז געבליבן ביי מתא מחסיא.

**על** כל פנים וואס מען זעהט פון די גמרא, אז כבוד התורה דארף על פי דרך הטבע משפיע זיין אזוי ווייט, אז א גוי זאל ווערן א יוד, פון צוזעהן די חשיבות פון כבוד התורה. - און אז עס דארף פון א גוי מאכען א יוד, דארף עס פון א יוד אוודאי מאכען א יוד.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**

* * *

***<u>יום ראשון – ערב הושענא רבה</u>***

בשעה עשר נכנס **רבינו שליט"א** לבית המדרש לקריאת משנה תורה, ועמד ליד הבעל קורא וקרא מתוך הספר תורה במשך כל זמן הקריאה. אחר הקריאה חזר לביתו, והמשיך באמירת תהלים. אחר כך אגד **רבינו שליט"א** את ההושענות בעלי לולב, ונטל ידיו לסעודה.

*

***<u>יום שני – הושענא רבה</u>***

ביום הושענא רבה ניגש **רבינו שליט"א** לפני התיבה לאמירת הלל והושענות. לפני אמירת ההלל הסיר הטבעות מהלולב, ונתן טבעות הלולב על אצבעותיו כמנהג בית אבותיו.

אחר תפלת המוספין התקיים הברית של בן הר"ר **מרדכי דוד ראזענבערג** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר הברית הצטופפו קהל רב מאנ"ש לקבל עלי הערבה מידו של **רבינו שליט"א** לסגולה ולהצלחה. גם חילק **רבינו שליט"א** טבעות הלולב לכמה מבחורי אנ"ש.

*

***ימי שמיני עצרת ושמחת תורה***

הימים האחרונים של חג בצל קדשו של **רבינו שליט"א** היתה חטיבה אחת של התרוממות הנפש, ושמחה וחדוה עילאה בה' ובתורתו הקדושה, הדרא דלא אפשר למיפרט בשפוותא.

בלילי החג אחר תפלת מנחה השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש, ודברי הכנה בגודל קדושת היום, ועיקר מצותו להרבות בו בשמחה בה' ובתורתו, ולספוג בתוכו קדושת ימי חג הסוכות, לקדש כל ענייניו הגשמיים לה'. ובחג הסוכות חיבק אותנו ה' בסוכתו וימינו תחבקני, וכעת אנו מחבקין את ה' כביכול, להמשיך דביקותו על כל השנה עם התורה, כי אורייתא וקודשא בריך הוא חד הוא.

בליל שמחת תורה נשא **רבינו שליט"א** מדברותיו בדברי אגדה המושכים את הלב, לבאר מקראי קודש שבנביאים, שמתאר שמחתו של דוד מלך ישראל שהיה מפזז ומכרכר בכל עוז בהעלותו את ארון ברית ה', שהיתה בהתפשטות הגשמיות, עד שלא היה נמצא בתחתונים, ולהתחשב עם הציבור באיזה אופן לרקוד וכדומה, לבו היתה למעלה כמלאכי אש, וזהו שאמר דוד 'ושחקתי לפני ה''. ונלמד לנו מזה באיזה אופן ראוי לשמוח בשמחת התורה, והשמח בשמחה ודביקות בה', מתברך גם בביתו, שתהא שרוי בשמחה לעולם.

*

אחר תפלת מערבית בלילי החג ניגש **רבינו שליט"א** לפני התיבה לאמירת פסוקי אתה הראת וכו', וערך את סדר ההקפות בלהט קודש, כאשר קהל הקודש אותו כחומה מסבבים, ולצדם בחורי חמד וילדי צאן קדשים על מקומותיהם במעלות ההיכל, כולם רוגשים ומתרוממים בעוז ותעצומות, בעת אשר בו ירוץ צדיק ונשגב בעבודה עילאה, לשוש ולשמוח בשמחת התורה.

מה נהדר היה מראה כהן גדול בריקודין הנלהבים, כאשר **רבינו שליט"א** מפזז ומכרכר בכל עוז. ובריקודין עילאין בניגוני 'ואמר ביום ההוא הנה אלקינו זה וכו', 'יראו עינינו וישמח לבנו ותגל נפשינו בישועתך באמת', 'וידעו כי אתה שמך ה' לבדך', 'אנא עבדא דקודשא בריך הוא'. ובספר תורה הכרוך בזרועו מנענע בנענועי קודש לצידי ההיכל בהקפה השישית, בעוד שבין ההקפות מושרים ניגוני דביקות והתעוררות, בגעגועי אהבה להשי"ת, ובפרט ברגשי בכי והתעוררות בשירת ניגוני חב"ד עתיקים, ניגון ד' בבות, ניגון הכנה, ובניגון אהבה רבה (להרה"ק מהרצ"ה מרימנוב זי"ע) ועוד, אשרי עין ראתה כל אלה.

בהקפות השביעית בלילי שמיני עצרת ושמחת תורה, רקד **רבינו שליט"א** עם מאות ילדי התשב"ר צאן קדשים, בעוד שהציבור מזמרים ומטפחים במחיית כפיים, בתפלת 'זרעא חיא וקיימא זרעא די לא יפסוק ודי לא יבטול מפתגמי אורייתא'. וביום שמחת תורה בהקפה השביעית רקד **רבינו שליט"א** עם בחורי אנ"ש בניגון 'אנא עבדא דקודשא בריך הוא', וניגון 'וטהר לבנו', והשירה התגברה בריקוד נלהב ומרומם, כאשר **רבינו שליט"א** מזמר הניגון 'אמר רבי עקיבא אשריכם ישראל' בדביקות עצומה, וכל הקהל עונים אחריו פיסקא בפיסקא בשמחה ובהתרוממות הנפש. אחר כל ההקפות ביום ובלילה בירך **רבינו שליט"א** את כל הקהל בפסוקי 'ברכת כהנים' באהבה ובקול רם, ואמר כל העם אמן הללוי-ה.

*

בליל שמחת תורה לפני תפלת מעריב יצא **רבינו שליט"א** להשתתף אצל הלויית הר"ר ***יהושע פנחס שווארץ*** ע"ה, שהתקיימה לפני בית מדרשנו.

ביום שמחת תורה עם סיום ההקפות עלה **רבינו שליט"א** לתורה בקריאת פרשת וזאת הברכה, ואחר הפסקה קצרה לקידוש היום, התקיים קריאת החתנים בבית המדרש. **רבינו שליט"א** עלה ל'חתן תורה' כנהוג.

בשעות הערב הסיב **רבינו שליט"א** לנעילת החג, כאשר קהל הקודש יחדיו משוררים ניגוני התעוררות ודביקות של ימים הנוראים, ובהתעוררות מיוחדת בעת שזימרו הניגון 'שימני כחותם' ברגשי בכי וגעגועי קודש, מה יפו פעמיך בנעלים.

אחר שזימרו ניגוני התעוררות לזמן ממושך, השמיע **רבינו שליט"א** מדברות קדשו בדברי דרוש לסיום התורה, ובמעלת וקדושת משה רעיא מהימנא

שהחייהו ה' אחר פטירתו לגמור סיום פסוקי התורה, והוא עומד ומשמש ומליץ טוב למעלה על עם בני ישראל הקדושים.

**רבינו שליט"א** המשיך בגעגועים על הימים הנוראים שעברו, אשר בו ישבו ישראל שעות ארוכות בבית המדרש דבוק לקונם, וכעת שאנו מזוככים ביותר מקדושת הימים, הזמן להשתדל להמשיך זאת להלאה, ובתפלה לה' אשר רוח קדשך אל תקח ממני.

**רבינו שליט"א** סיים דבריו בדברי הדרכה בחיוב קביעות עתים לתורה, ובשבח הלימוד במסגרת חבורת '**ובהם נהגה**'. - מעלת התפלה בהתדבקות לקונו ובכוונה הראויה. - לנצל השבתות קודש ביומא דנשמתא, ובהתאספות בשירות ותשבחות להשי"ת.

אחר אמירת דברות קודש עמד **רבינו שליט"א** בריקוד בניגוני שמחה לזמן ממושך בחדווא עילאה, ובניגון 'בספר חיים', 'לשנה הבאה בירושלים'. אחר כך קיים **רבינו שליט"א** מנהג זריקת התפוחים לכל קהל הקודש, וחילק אגוזים כנהוג.

***וזה תוכן סיום הדברות קודש:***

**ביי** אונז לערנט מען 'ובהם נהגה', די וואך אי"ה גייט מען זיך פרייען מיט א שמחת התורה. א יוד זאל צוריק קוקן, זיבן יאר וואס מיר לערנען 'ובהם נהגה', צענדליגער צו הונדערטער יודען וואס האבן אנגעהויבן מיט צו לערנען דעם סדר תיכף אין אנהייב, האלטן יעצט, זיבן יאר שפעטער, אז זיי האבן אדורכגעלערנט גאנץ סדר מועד, און אנגעפילט די צייט מיט תורה. וויפיל צייט, וויפיל שעות ליגט אין די לימוד התורה וואס מען איז אדורכגעגאנגען. איינער האט געענדיגט די גאנצע, איינער א חלק, אבער על כל פנים ער האט אנגעפילט די צייט מיט תורה. און עס איז באמת א שמחת התורה, עס איז באמת א געוואלדיגע שמחה פאר די וואס האט זוכה געווען, אז ער איז געווען א חלק דערין, אז ער איז צוגעקומען צו די דרגה.

**דאס** איז דער עבר, **דער עיקר איז די התחלה אויף ווייטער. מען הייבט אן ווייטער א פרישען סדר, סדר נשים. עס איז נישט גרינג, סדר נשים איז נישט פון די גרינגסטע מסכתות, אבער היינט איז אלעס גרינג, ווייל היינט איז שוין דא גמרות וואס מאכט כל התורה כולה, וואו מען וויל לערנען, אז ער פלאנטערט זיך נישט, און ער קען לערנען.**

**עס** איז נאך יום טוב, און מען דארף אנהייבן דעם לימוד התורה. **נעמען אויף זיך עול תורה, אוועקגעבן די צייט אויף לימוד התורה, אפילו עס קומט אן שווער.** דער וואס האט נישט קיין אנדערע לימודים וואס ער האט זיך קובע געווען דערין, זאל זיך צוטשעפענען צו דעם לימוד. ווייל כי הם חיינו ואורך ימינו, און לא אמות כי אחיה, אז מען וויל נישט זיין קיין מת בשעת מען לעבט, איז נישט דא קיין אנדערע עצה. תורה דאס איז אונזער לעבן, כי הם חיינו ואורך ימינו.

**אויסער** תורה איז דא תפלה. דברים העומדים ברומו של עולם ובני אדם מזלזלין בהם. אסאך מאל איז דער דאווענען אן עול אויף אים, ער קומט יוצא צו זיין, ער דארף דאווענען. **די שענסטע שעה וואס דו האסט אין טאג, איז די שעה וואס דו דאווענסט!** א שעה וואס דו ביסט זיך מייחד מיטן אייבערשטען, א שעה וואס דו רעדסט צום רבונו של עולם. אלע דיינע פראבלעמען וואס דו האסט איבערן גאנצן טאג, איבער א גאנץ יאר, אלעס ווערט דאך מסודר ביים דאווענען, אלעס קומט דאך פונעם אייבערשטען. אנשטאט דו זאלסט אריינלייגן דעם קאפ שפעטער אין די געשעפטן, און די עגמת נפש וואס דאס ברענגט מיט, קענסטו די אלע זאכן פארשפארן. ווען א יוד דאווענט ווי עס דארף צו זיין, ער האט זיין סדר התפלה, ער האט זיין מנין וואס ער דאווענט, און ער דאווענט מיט א מנין וואס כאפט נישט אפ דאס דאווענען, מען דאווענט כסדרן, האט ער דאך אלעס וואס ער דארף צו האבן. - יעדער הייבט יעצט אן זיך קובע צו זיין א נייעם סדר, **מען דארף זיך אויסשטעלן אזא סדר, אז כאטש די איינע שעה פון תפלה, זאל מען קענען דאווענען ווי א יוד דארף צו דאווענען. מכוון זיין פירוש המלות, און זיך אויסבעטן ביים אייבערשטען וואס מען דארף צו האבן.**

*

**די** וואך איז דאך אזוי ווי עס איז. וואס טוט זיך מיט די שבתים. שבת קודש, א יומא דנשמתין, א טאג פון די נשמה. שבת וואלט א יוד געדארפט לעבן אין א אנדערע וועלט, ארויסגיין פון די וואכעדיגע וועלט און אריינגיין אינעם שבת. פארברענגען מיט זמירות

שירות ותשבחות, דאווענען און לערנען, זיצן צוזאמען מיט יודישע קינדער און זינגען זמירות. דער שבת דאס דארף זיין דאס וואס גיט דעם כח און דעם חיות פאר די גאנצע וואך, אז עס זאל קענען אנגיין. און עס איז לאנגע שבתים, עס ווערט פרי נאכט איבערן ווינטער, און מען האט גענוג צייט וואס מען זאל קענען מקדיש זיין פאר אלעם וואס מען דארף צו האבן אינעם שבת.

**דער** חינוך פון קינדער איז תלוי אינעם שבת. **ווי אזוי א יוד פירט דעם שטוב שבת, דאס בלייבט איבער א רושם אויף די קינדער.** וויסן אז די שבת'דיגע סעודה איז נישט קיין וועטשערע וואס מען עסט עס נאר אפ. שבת דארף זיין א צייט וואס מען גיט אוועק צו פארברענגען מיט לימוד התורה, מיט סיפורי צדיקים. יעדער יוד אויף וואס פאר א מעגליכקייט ער פארשטייט אז ער קען עס אויסנוצן, דארף ער אויסנוצן די שבתים, כדי אז מען זאל זיך קענען דערהייבן.

**בכלל** די נסיונות היינט זענען זייער גרויס. איך וויל נישט יעצט בארירן די חלק פון טעכנעלאגיע, וואס איז ליידער מעביר על הדת א גרויס חלק פון כלל ישראל. אבער אויב ער האט נישט דעם שבת, כאטש איינמאל אין די וואך וואס ער זאל זיך קענען אנקלייבן ערליכקייט, ווארימקייט. פארוואס דארף ער אדורכלאזן א גאנצן שבת, געגעסן און געשלאפן און זיך גוט אויסגערוהט, דאס איז דער שבת? שבת וואלט געדארפט צו זיין, זיך צוזאם קומען, און זיין דבוק אין ערליכע יודען. – און בכלל **אז מען האט נישט קיין קרייז, אז מען געפונט זיך נישט אין ערגעץ, פאלט מען!** און אז מען האט א גוטע חברותא ארום און ארום, דאס הייבט דעם מענטש, און דאס טוט אים ארויפברענגען. יעדער דארף טראכטן פאר זיך, וואס קען איך צוגעבן, אז דער שבת זאל זיין ביי מיר, אזוי ווי א שבת דארף אויסצוקוקן.

**יעצט** האבן מיר די כוחות הנפש דערצו. מיר זענען אלע דערהויבן פונעם הייליגן יום טוב וואס איז אדורכגעגאנגען, מיר דארפן דאס נאר ממשיך זיין, און מיטנעמען מיט זיך אויף א גאנץ יאר. זאל דער אייבערשטער געבן, מיר זאלן האבן די כוחות הנפש מיטצונעמען מיט זיך דאס וואס מען האט קונה געווען אינעם יום טוב. מען האט דאך אזויפיל געבעטן פונעם אייבערשטען, יעדער איינער לפי דרכו ולפי ערכו, טייכן טרערן זענען פארגאסן געווארן אין משך פונעם יום טוב. וויפיל שמחת יום טוב איז געווען אין די אונטערשטע טעג פונעם יום טוב. מען האט פריער גערעדט, אז ביידע האבן די זעלבע כוחות, דער זא"ת פון 'צום קול ממון', מיט דער שמחת היום טוב, ביידע טוען מעביר זיין את רוע הגזירה.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, מיר זאלן האבן א פרייליך יאר און א לוסטיג יאר, דער באשעפער זאל אונז אלע בענטשן, אז די אלע תפלות וואס מען האט מתפלל געווען, שתשים דמעותינו בנאדך להיות. **ווייסט דען א מענטש וואס ער גייט אדורך גיין איבערן יאר?** מען ווייסט דאך נישט וואס עס וועט זיין. און נישט אייביג האט מען אפילו, בשעת מען האט עגמת נפש וכדומה, אז מען זאל קענען געהעריג מתפלל זיין. בעהט מען פונעם אייבערשטען, דער באשעפער זאל נעמען די דמעות, און אריינלייגן אין זיין נאד, און ווען עס וועט אויספעלן, זאל ער אפירנעמען די דמעות וואס מען האט מתפלל געווען אין די הייליגע טעג, וואס יעדער יוד האט זיך אויסגעגאסן דאס הארץ פארן אייבערשטען, און דער באשעפער זאל דאס האלטן שטענדיג פאר זיך, אז ווען א מענטש איז אין א עת צרה, ווען ער דארף האבן א ישועה, און ער איז נישט דעמאלטס אין די מצב ער זאל קענען געהעריג מתפלל זיין, זאל דער אייבערשטער אפירנעמען די תפלות וואס ער האט אוועקגעלייגט אין די הייליגע טעג, און דאס זאל אונז געבן די כוחות הנפש, אז מיר זאלן קענען דינען דעם אייבערשטען. מען זאל וויסן אויסצונוצן אונזער לעבן. **א טאג וואס מען דינט נישט דעם אייבערשטען, איז נישט געלעבט!** ער האט אוועקגעגעבן א טאג פון זיין חיות, פאר היפך פונעם חיים. א יוד דארף אויסנוצן יעדן טאג פון זיין לעבן, צו דינען דעם אייבערשטען.

**דער** באשעפער וועט אונז געבן, אונז וועל מיר האבן א פרייליך יאר, און א לוסטיג יאר, א שנה טובה ומתוקה, אין אלעם וואס מען דארף צו האבן. דער באשעפער זאל אונז אלע בענטשן מיט בני חיי ומזוני רויחא, פרנסה בהרחבה, מיט רפואות און ישועות וואס מען דארף האבן. מען זאל קענען זעהן שמחות און נחת ביי די קינדער און אייניקלעך און אור

אייניקלעך, מתוך בריאות השלימות. מען זאל זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

***<u>יום חמישי פרשת בראשית – אסרו חג</u>***

אחר תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יוסף זיכערמאן** הי"ו.

בשעות אחר הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** בכתיבת האותיות בספר תורה שנכתב על ידי משפחת מענצער החשובה, לע"נ הוריהם היקרים. **רבינו שליט"א** כתב אות בהספר תורה, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לפלעטבוש והשתתף בשמחת הבר מצוה של בן ש"ב **הגה"צ רבי משה פלאם שליט"א** האדמו"ר מסטרעטין (חתן גיסו הגה"צ מגראסוואררדיין שליט"א), שהתקיים בבית המדרש סטרעטין.

*

***<u>ערב שבת קודש פרשת בראשית</u>***

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יהושע פנחס שווארץ** ע"ה.

*

***<u>שבת קודש פרשת בראשית</u>***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי משה מרדכי שליט"א**.

בסעודה שלישית כיבד **רבינו שליט"א** את חתנו **הרה"ג רבי יואל הלברשטאם שליט"א** בברכת המזון.

# פרשת נח – לך לך כ"ז תשרי – י' חשון תשפ"ב לפ"ק

***יום ראשון פרשת נח***

**רבינו שליט"א** התפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו זכרון יהודא. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **אפרים כ"ץ** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג להשתתף אצל הברית של בן הר"ר **שלמה יעקב ווערצבערגער** הי"ו, שהתקיים בבית מדרשנו. **רבינו שליט"א** נתכבד בסנדקאות ובמוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** קומענדיגע וואך אין די פרשה איז די מצוה פון ברית מילה, וואס דער אייבערשטער האט מצווה געווען פאר אברהם אבינו. בעפאר דער אייבערשטער האט אים געגעבן די מצוה, האט דער אייבערשטער מקדים געווען א שטיקל הקדמה, אני א-ל שד"י, איך בין דער גאט, און ער האט עס ארויסגעברענגט מיט די צוויי תוארים, א-ל און שד"י. התהלך לפני והיה תמים, גיי פאר מיר, און זיי גאנץ. ערלה איז א זאך וואס נעמט אוועק פונעם תמימות, פונעם גאנצקייט, פונעם מענטש. אז דו וועסט דיך מל'ן, און דו וועסט זיין תמים, ואתנה בריתי ביני ובינך (בראשית יז-א). יעדע נאמען פונעם אייבערשטען, האט א געוויסע סיבה פארוואס דער אייבערשטער הייסט אזוי. און ווען דער אייבערשטער זאגט זיין נאמען אויף א געוויסע וועג, איז א סימן אז דאס האט א שייכות צו דעם ענין וואס דער אייבערשער וויל זאגען. וואס איז דער קשר אז ווען דער אייבערשטער וויל געבן די מצוה פון מילה פאר אברהם אבינו, האט ער אים דערמאנט, אני א-ל שד"י.

**דער** שם שד"י געפונט מען ביי יוסף מיט די ברודערס, אז יעקב האט געזאגט, וא-ל שד"י יתן לכם רחמים (בראשית מג-יד), און דארט טייטשט רש"י, אז שד"י איז, מי שאמר לעולם די, יאמר לצרותי די. דער אייבערשטער וואס האט געזאגט פאר זיין וועלט, די. זאל ער זאגען פאר מיינע צרות אויך, אז עס איז די. וואס מיינט דאס, אז דער אייבערשטער האט געזאגט לעולם די, אז עס איז גענוג. אין די גמרא (חגיגה יב.) שטייט, אז בשעת דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, און ער האט געהייסען אז עס זאל ווערן א ארץ, האט זיך דער ארץ אנגעהויבן צו צושפרייטען אן א שיעור. ביז דער אייבערשטער האט עס אפגעשטעלט, און ער האט געזאגט, די, עס איז גענוג, די וועלט זאל נישט ווערן גרעסער פון וואס עס איז, האט זיך דער וועלט אפגעשטעלט.

**עס** שטייט אין פריערדיגע ספרים, אז מען רעדט נישט פון סתם, אז דער ערד האט זיך געוואלט צושפרייטען, און עס איז געווארן קלענער און גרעסער. מען געפונט נישט ביי אלע אנדערע בעלי חיים, אז דער אייבערשטער זאל דארפן זאגען 'די', וויפיל ער זאל ארויסקומען, און ווי הויך די זון זאל זיין, און די לבנה זאל זיין, די הרים און גבעות. און דא האט ער געזאגט לעולם די.

**דער** באשעפער האט באשאפן א וועלט וואס זאל זיין א גשמיות'דיגער וועלט. מלאכים, רוחניות, האט דער אייבערשטער גענוג אויבן אין הימל וואס דינען דעם אייבערשטען. דער באשעפער האט געוואלט אז א מענטש זאל לעבן אויף די וועלט, און האבן נסיונות, ארציות'דיגע נסיונות, און ער זאל עס אויסנוצן פאר כבוד שמים. ער זאל זיך מתגבר זיין, און ער זאל קענען דינען דעם אייבערשטען. דער באשעפער גיט נישט קיין נסיונות פאר א מענטש, נאר וואס ער קען ביישטיין. וואס מען קענען נישט ביישטיין, גיט נישט דער אייבערשטער. ווען די וועלט האט זיך אנגעהויבן צו צושפרייטען, האט זיך אנגעהויבן צו צושפרייטען א ארציות'דיגער וועלט, א גשמיות'דיגער וועלט. די תוכן פון די וועלט, די גשמיות'דיגקייט וואס ליגט אין די וועלט, האט זיך געוואלט צוצושפרייטען אויף גאר א גרויסע מהלך. אז די וועלט זאל ווערן אזוי מגושם, אז דער אייבערשטער האט געזעהן אז מיט אזא מגושם'דיגער וועלט, וועט מען נישט קענען דינען דעם אייבערשטען. דער אייבערשטער האט באשאפן א וועלט, אז עס זאל זיין אויסגעמאסטן, אז אין די וועלט, אזוי ווי עס איז, זאל א יוד קענען דינען דעם אייבערשטען. שאמר לעולם די, דער אייבערשטער האט געזאגט גענוג, צושפרייט זיך נישט מער, ווייל טאמער דו וועסט זיך צושפרייטען מער, וועט נישט זיין קיין כח אז מען זאל זיך קענען מתגבר זיין.

**דער** אייבערשטער האט געגעבן די מצוה פון מילה, עס איז נישט נאר וואס מען מל'ט דעם אכטן טאג, מען נעמט אראפ די ערלת הבשר. קדושת המילה איז א זאך וואס מען לייגט אריין דעם חותם אין אנהייב פונעם קינד, ווען ער ווערט געבוירן, אבער נאכדעם הייבט זיך אן א לעבן וואס א יוד דארף שטענדיג האבן נסיונות. ביז דעם לעצטן טאג פונעם לעבן, לעבט א מענטש, אז ער זאל זיך קענען מתגבר זיין אין די קדושה. ואתנה בריתי ביני ובינך, אז מען זאל זיך קענען האלטן הייליג.

**דער** איבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו, התהלך לפני והיה תמים, ער זאל זיך מל'ן, וועט ער זיין תמים. האט אברהם אבינו פארשטאנען, אז מען מיינט נישט יעצט אראפצונעמען סתם א מילת בשר, נאר דאס מיינט צו זאגען אז עס וועט זיין א עבודה וואס א יוד וועט זיך דארפן מקדש זיין, זיין גאנצן לעבן שפעטער, מיט די קדושה פונעם ברית. וועט א מענטש זאגען, פון וואו איז מעגליך, מען לעבט אין אזא גשמיות'דיגער וועלט, אויף אזא שווערע וועלט וכדומה, און מען זאל זיך קענען מתגבר זיין. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, אני א-ל שד"י, איך האב געזאגט לעולם די, איך האב נישט געלאזט אז די וועלט זאל זיך צושפרייטען אויף אזא וועג, אז מען זאל נישט קענען דינען דעם אייבערשטער שפעטער. איך האב אפגעשטעלט, איך האב געזאגט לעולם די. איז אני א-ל שד"י, ווייל איך האב פארשטאנען אז וויפיל גשמיות עס איז דא אין די וועלט, אזויפיל קען זיך א יוד מתגבר זיין, קען איך דיר מצווה זיין די מצוה פון מילה, התהלך לפני והיה תמים.

*

**מעמד אדיר ונשגב 'הקהל'**
**בסיום סדר מועד והתחלת סדר נשים**
**על ידי חבורת 'ובהם נהגה'**
**בשילוב כינוס רבתי של חברי קהלתנו הק' ואנשי שלומינו**

**זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו.** – בשמחה רבה וברגש קודש התאספו למעלה מאלף אנשי שלומינו זקנים בעלי בתים אברכים ובחורים, ובראשם דייני קהלתנו הק' שליט"א, ועל צבאם מייסד חבורתנו מורה דרכינו ומאיר עינינו **כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א**, למעמד אדיר ונשגב '**מעמד הקהל**' לחוג סיום סדר מועד, והתחלת סדר נשים, במסגרת חבורת '**ובהם נהגה**' שע"י קהלתנו הק', בשילוב כינוס רבתי של חברי קהלתנו הק', ואנשי שלומינו די בכל אתר ואתר, שהתקיים במלון המפואר הילטאן בסטעמפארד קאנעטיקוט.

אשרי עין ראתה כל אלה, רגשות הומים של ציבור הענק, אשר התכנסו במטרה קדושה להרבות כבוד התורה, להתאגד בחבורה אחת ללימוד התורה 'חבורת ובהם נהגה', להתחזק יחד ולקבל הדרכת הקודש מאת הרועה הנאמן אשר בצלו חוסים, כולם נקבצו באו לך.

בשעות לפני הצהרים התחילו להגיע מאות לומדי החבורה ל'יום שכולו תורה' ללמוד ולסיים סדר מועד ומסכת הוריות שנלמדה בחודש העבר במסגרת החבורה. היכל הלימוד התמלאה חיש מהר בציבור נכבד של לומדים ההוגים בתורת ה' תמימה. - בנוסף התקיימה שיעורים בכמה נושאים על ידי דייני ומגידי שיעור דקהלתנו הק'.

גם ניתן במשך היום ב'היכל הבחינות' בחינת החודש על מסכת הוריות שנלמד בחודש העבר. עוד זאת ניתן הזדמנות מיוחדת לקהל הלומדים ליקח בחינה על עשרה דפים מה שלבו חפץ מסדר מועד כולו.

אחר ארוחת הצהרים התקיימה שיעור מיוחד ע"י המגיד מישרים הרב **שלום שרגא פאפלאנאש** שליט"א, שהאריך לבאר השתלשלות וקורות הדורות בדבר התמונות המופיעים בהגמרות הנצרכים לבאר גמרות קשות להבנת הלומד, ובפרט במסכת יבמות.

אחר השיעור התחילו הציבור הגדול שגדשו את ההיכל ללמוד מסכת יבמות מסדר נשים בקול רם וחשקות התורה. בתחלת הסדר הגיע **רבינו שליט"א** והסתובב בין הלומדים, כשפניו קורנות הוד ושמחה מקורת רוח, בראותו עדת צאן מרעיתו לומדים בריתחא דאורייתא. אחר כך ישב **רבינו שליט"א** ללמוד מסכת יבמות עם נכדיו היקרים, שישבו סביב השלחן, וקול התורה מלאה את ההיכל.

מחוסר מקום בהיכל הגדול, הוצרכו לסדר אולם מיוחד ללימוד עבור בחורי אנ"ש, ששם ישבו ולמדו מאות צעירי לומדי התורה בקול אדיר שהדהד למרחוק, וגם שם עבר **רבינו שליט"א** בין הלומדים, וצהלו פניו לראות תלמידיו הנאמנים המתגדלים בשאיפות של תורה ועבודת ה' בשקידה.

יום זה מכובד מכל ימים, כאשר קהלתנו הק' שנתייסדה על ידי רבותינו מוסדי דור ודור, נראתה פורחת כגפן פוריה, מחנות של אברכים לומדי תורה בעמילות, בעלי בתים הטרודים על המחיה ועל הכלכלה מתלהבים ומתלהטים בלימוד התורה של שעות ארוכות, מאות בחורי חמד המסולאים בפז משוקעים כולם בתורת ה', הדרא דלא אפשר למיפרט בשפוותא.

אחר סדר הלימוד להבעלי בתים ואברכים התקיים דרשה מיוחדת ונפלאה על ידי **הגה"צ רבי צבי היילפרין שליט"א** דומ"ץ דקהלתנו הק' בבארא פארק, בחשיבות לימוד התורה בחבורה, ובמעלת קדושת התורה שמקדשת את האדם בכל תחומי החיים.

**רבינו שליט"א** התפלל תפלת מנחה באולם מיוחד ביחד עם הבחורי חמד. אחר תפלת מנחה התקיים מעמד '**בני חביבי**' לקרוב לארבע מאות בחורי חמד דקהלתנו הק'. במשך המסיבה נשמעו דברים חוצבים להבות אש מאת **הרה"ג רבי יחזקאל ווייס שליט"א** שהלהיב את לב השומעים לנצל ימי הבחרות בלימוד התורה הק', ולא להסתפק בזה שהוא בחור טוב, אלא להשתדל לעלות מעלה מעלה על במתי התורה והיראה, ולהתרחק מהשפעת הרחוב שחודר בקרבנו.

אחר כך נשמעו דברות קודש מאת **רבינו שליט"א** בגודל קדושת התורה שנותן הכח לעמוד בנסיונות הזמן, ולא להגרר אחר הבלי העולם הזה. בסיום המעמד עברו בחורי החמד לקבל ברכת הקודש מאת **רבינו שליט"א**, ונכנסו לאולם הגדול להשתתף במעמד 'הקהל', על מקומותיהם בפארענטשעס שהוכנו במיוחד עבורם בצידי האולם הגדול.

***<u>וזה תוכן הדברות קודש במעמד 'בני חביבי':</u>***

**איך** וויל באגריסן די חשובע בחורים וואס זענען זיך צוזאמגעקומען היינט, ווען די חבורה פון 'ובהם נהגה' איז מסיים סדר מועד. וואס א טייל פון די בחורים זענען פון די מסיימים, זיי זענען מסיים א טייל פון די מסכתות, און איך האף אז א גרויס טייל פון די בחורים זענען פון די מתחילים, ממשיך צו זיין ווייטער, ווען מען גייט לערנען מסכת יבמות.

**פאר** איך הייב אן צו רעדן, וויל איך באדאנקען פאר די טייערע ווערטער וואס מען האט געהערט פון הרב הגאון רבי יחזקאל [ווייס] זאל זיין געזונט, וואס האט ארויסגעברענגט די געוואלדיגע חשיבות פון א בחור וואס איז נישט א וואוילער בחור, נאר ער פארשטייט זיין תכלית אינעם לעבן, ער פארשטייט צו שטייגען אין תורה, און אויסצונוצן די יונגע יארן וואס מען האט, כדי צוצוקומען צו דעם תכלית.

**די** וואך איז פרשת נח, דער אייבערשטער האט געברענגט א מבול, ער האט חרוב געמאכט די וועלט, און נח מיט די קינדער זענען געבליבן, און פון זיי האט דער אייבערשטער צוריק אויפגעשטעלט א נייע וועלט. עס איז דא א פלא אינעם פסוק, נאכן מבול ווען נח איז ארויסגעקומען פון די תיבה, האט ער געטראפן א וועלט וואס איז חרוב. עס איז נישט געווען גארנישט, נישט קיין ביימער, נישט קיין גראז, נאר א עלה זית טרף בפיה וואס די יונה האט געברענגט, און ער האט געדארפט אנהייבן פון די א', איינצופלאנצן אלע פירות, אלע ביימער, אלע מיני ירקות. ער האט אלעס אריינגענומען אין די תיבה, ווייל נאכן מבול וועט נישט בלייבן קיין זכר דערפון. און ער איז געווארן א פעלד ארבייטער, ער האט אנגעהויבן איינצופלאנצן צוביסלעך איין זאך און די צווייטע זאך.

**די** תורה פארציילט (בראשית ט-כ), ויחל נח איש האדמה ויטע כרם, נח האט אנגעהויבן, און ער האט איינגעפלאנצט א כרם, א וויינגארטן. טרויבן איז געווען די ערשטע זאך וואס ער האט איינגעפלאנצט נאכן מבול. און דער פסוק רופט אים אן מיט אזא גנאי, איש האדמה, ער איז געווען א ערד מענטש. דער איש צדיק תמים היה בדורתיו, וואס ער האט מציל געווען די וועלט מיט זיין צדקות ביים דור המבול, א יאר שפעטער, רופט מען אים אן, אז ער איז א איש האדמה. און רש"י גייט נאך ווייטער, ויחל נח, ער איז געווארן חולין, ער האט זיך געטוישט. זעקס הונדערט יאר איז ער געווען א צדיק תמים בדורותיו, אין די איינע יאר האט ער זיך געטוישט, און ער איז געווארן חולין, ווייל ויטע כרם, מען האט נישט געדארפט איינפלאנצן די ערשטע זאך א כרם. כרם איז וויין, שיכרות וכדומה, ווי עס האט זיך שפעטער אויסגעשטעלט פון דעם שיכרות, און די תורה טוט אים אראפקוקן.

**די** תורה איז א הייליגע תורה, די תורה איז נישט מגרע, און די תורה איז נישט מגנה קיין שום נברא אין די

וועלט. וואס עס איז געשריבן אין די תורה, איז געשריבן אלץ מיט אן איידעלע שפראך, אפילו ווען מען רעדט פון סתם דברים. און כל שכן ווען מען רעדט פון אזא צדיק, פון א איש צדיק תמים היה בדורותיו.

**איך** האב געטראכט, אז עס קען זיין אז עס ליגט דערין א ענין, די תורה וויל ארויסהייבן נח, מיט דעם וואס ער האט געטון, און נישט ווי מען טייטשט אפ, אז די תורה פארציילט די גנות פון נח. נח איז איבערגעבליבן פון א גאנצן דור המבול, די גאנצע וועלט האט דער אייבערשטער אוועקגענומען, עס איז געבליבן נאר איין משפחה וואס זיי זענען געווען ערליך, נח מיט די קינדער. נח איש צדיק תמים היה בדורותיו, את האלקים התהלך נח. שטעלטס ענק פאר, עס איז דא א גאנצע וועלט, מיט די ערגסטע עבירות, וואס מען קען נישט ווייטער אנגיין אזוי, דער באשעפער דארף חרוב מאכן די וועלט, און עס זאל קענען זיין איין משפחה, וואס זיי האלטן זיך ערליך, און די תורה זאל אים אנרופן צדיק, כי אותך ראיתי צדיק לפני בדור הזה. ווי איז מעגליך אז אין א דור המבול זאל קענען א מענטש אויפשטעלן א שטוב, וואס ער מיט די קינדער זאלן זיין ערליך? ווי איז דאס מעגליך? מילא נח איז שוין געווען אן אלטער יוד, איז ער אנגעגאנגען מיט זיין ערליכקייט. אבער ער האט געהאט יונגע קינדער, וואס ער האט זיי ערצויגן, וואס זיי זענען אויפגעוואקסן מיט א דור המבול, ווי אזוי האט ער זיי געקענט אפהיטן אז זיי זאלן זיך נישט חבר'ן, און זיי זאלן נישט נאכגיין אין די וועגן, און זיי זאלן בלייבן אין זייער צדקות.

**אויף** דעם איז דא א רש"י (בראשית ז-ב), מכל הבהמה הטהורה, וואו האט דער אייבערשטער געזאגט, וואס איז טהור און וואס איז נישט טהור, עס איז נאך פאר מתן תורה. דער אייבערשטער האט געוואוסט וואס איז א בהמה טהורה און וואס נישט, אבער פון וואו האט נח געוואוסט? זאגט רש"י, למדנו שלמד נח תורה, נח האט געלערנט תורה, האט ער געוואוסט. אין די יארן וואס ער איז געווען א איש צדיק תמים בדורותיו, האט ער עוסק געווען בתורה. און אז מען לערנט תורה, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל:), **אין א שטוב וואו עס איז דא תורה, עס איז געבויט אויף תורה, קען מען לעבן מיט א דור המבול צוזאמען, און בלייבן ערליך!** דאס וואס א מענטש ווערט נאכגעצויגן נאך די וועלט, איז אלץ ווייל עס פעלט אים תורה. אבער טאמער ער איז צוגעבינדן צו די תורה, עס איז נישט דא ביי אים קיין אנדערע זאך, עס אינטערעסירט אים נישט קיין אנדערע זאך, נאר תורה הק'. קען מען איבערלעבן א דור המבול, ער מיט זיינע קינדער, און ער קען זיי מחנך זיין ווי עס דארף צו זיין.

**די** תורה אליין פארענטפערט, ווי אזוי קען זיין אז נח איש צדיק תמים היה 'בדורותיו', אין אזא דור, זאל ער זיין א צדיק תמים. את האלקים התהלך נח, פאר נח האט נישט אינטערעסירט די גאנצע וועלט, נאר את האלקים התהלך נח, ער איז נאר געגאנגען מיטן אייבערשטען. איך וויל וויסן וואס דעם אייבערשטען'ס רצון איז, און וואס דער באשעפער וויל, דאס גיי איך טון. און וואס דער אייבערשטער וויל נישט, טוה איך נישט. אזוי האט ער געקענט אויפשטעלן א ערליכען דור, אין אזא דור המבול, אז ער מיט זיינע קינדער זענען שפעטער געבליבן לעבן.

**נח** האט געוואוסט, אז יעצט נאכען מבול דארף ער אויפשטעלן א נייעם דור, קיינער איז נישט געבליבן פונעם אלטן דור, מען דארף אויפשטעלן א נייעם דור, מען דארף אויפשטעלן אן ערליכן דור. נח איז געווען פארנומען א יאר צייט, און ער האט נישט געקענט לערנען, ער האט זיך געדארפט אפגעבן מיט די בהמות און חיות, זיי צו געבן צו עסן, ער האט נישט געהאט קיין צייט צו שלאפן, אזוי שטייט אין די גמרא (סנהדרין קח:), אז ער איז געווען פארנומען פון צופרי ביז ביינאכט, ער האט געדארפט געבן צו עסן פאר יעדן בעל חי, ער איז געווען דער וועיטער'ר פאר אלע בעלי חיים וואס זענען געווען אין די תיבה. עס איז דא בעלי חי וואס עסן פרי, און בעלי חיים וואס עסן שפעט. פיר און צוואנציג שעה האט ער געדארפט זיין אויף, זיי צו געבן צו עסן. און איינמאל האט ער נישט געגעבן צו עסן פאר דעם ארי אין די צייט, הכישו הארי, דער ארי האט נישט רחמנות געהאט אויף אים, וישאר אך נח. האט ער נישט געהאט קיין צייט צו לערנען, און ער איז געווען אויסגעהונגערט פאר תורה. א יאר גייט אדורך, איך האב נישט געעפענט קיין גמרא, איך האב נישט געהאט קיין צייט צו לערנען, וואס קען איך טון די ערשטע זאך ווען איך גיי ארויס פון די תיבה, האט ער צוזאמגענומען די קינדער, און תיכף זיך אראפגעזעצט מיט זיי לערנען תורה, און

אויסצולערנען אז אן תורה קען מען נישט אויפבויען קיין וועלט.

**מען** געפונט אין די גמרא (ברכות סג.) אז א בית המדרש וואו מען לערנט תורה ווערט אנגערופן א 'כרם', כרם ביבנה רופט עס אן די גמרא. און רש"י זאגט, פארוואס האט מען עס גערופן כרם, ווייל אין א כרם איז די וויינגארטן אויסגעשטעלט אין א רייע, די זעלבע איז אויך אין א ישיבה, איז מען געזעסן שורות ווייז, אזוי ווי א כרם.

**עס** קען זיין, אז וועגן דעם ווערט א בית המדרש אנגערופן כרם, ווייל אלע פירות קען מען מרכיב זיין איינס מיט דאס אנדערע. מען קען נעמען צוויי פירות, און עס אויסמישן, אפילו ער איז נישט זיין מין. מען טאר נישט מרכיב זיין קיין פירות, אבער עס איז דא א מציאות אז מען זאל עס קענען מרכיב זיין. גפן איז פון די סארט פירות וואס איז נישט שייך מרכיב צו זיין, מען קען נישט צוזאמשטעלן טרויבן מיט עפעס אנדערש, עס וואקסט נישט נאר די טרויבן אליין, עס איז נישט דא קיין הרכבה דערביי.

**תורה** איז אזוי ווי א 'כרם', מען קען נישט זוכה זיין צו תורה, אויב עס מישט זיך עפעס אריין אין די תורה. מען קען נישט מרכיב זיין תורה מיט קיין אנדערע חכמות, מען קען נישט מרכיב זיין תורה ווען מען איז צוגעבינדן צו אנדערע זאכן אויסער תורה. אז מען וויל אויסוואקסן א תלמיד חכם, דארף מען זיך אפלאזן פון אלעם ארום די וועלט. את האלקים התהלך נח, איך האב גארנישט אויף די וועלט, נאר תורה. איך וויל אוועקגעבן די יונגע יארן צו זיצן און צו לערנען, און אויסנוצן מיין צייט פאר עבודת ה', צו לערנען און דאווענען, און טון מצוות און מעשים טובים, דעמאלטס קען מען זיך האלטן ערליך. אז מען איז מרכיב אנדערע זאכען אויך, יא איך וועל טאקע זיצן אין בית המדרש די שעות וואס מען דארף צו לערנען, אבער נאכדעם ווען מען גייט ארויס פון בית המדרש, איז דער קאפ אויף עפעס אנדערש, עס איז דא 'קול מבשר', און עס איז דא עפעס אנדערש, עס איז דא געוויסע זאכן וואס מען קען צוזאמשטעלן, און כל שכן ווען מען רעדט פון ערגערס. 'כרם ביבנה', אז מען וויל וואקסן תלמידי חכמים, דארף דאס בית המדרש זיין א כרם, עס איז נישט דא דארטן קיין שום הרכבה, קיין שום פרעמדע זאך איז נישט דא, נאר תורה הק', דעמאלטס איז מען מצליח.

**נח** איז ארויסגעקומען פון די תיבה, די ערשטע זאך וואס ער האט געטון, איז געווען ויטע כרם, ער האט איינגעפלאנצט א כרם, ער האט איינגעפלאנצט א כרם ביבנה, ער האט זיך אראפגעזעצט לערנען תורה מיט זיינע זון וואס זענען געבליבן, צו וויזן, אז כדי עס זאל קענען זיין א קיום פאר די וועלט, עס זאל זיך נישט איבער'חזר'ן נאכאמאל אזא דור המבול, קען עס נישט זיין נאר מיט תורה. און פארוואס האט ער אנגעהויבן תיכף מיט תורה, מען דארף דאך קודם אויפבויען די וועלט אויף שפעטער. ער איז געווען אויסגעהונגערט אויף תורה! איך האב שוין א יאר צייט נישט געלערנט, איך קען נישט אנהייבן צו טון עפעס פאר די וועלט, ביז איך זעץ זיך נישט אראפ קודם לערנען.

**'ויחל** נח', נח האט זיך געשפירט חולין, נאך א יאר נישט לערנען תורה, האט ער זיך געשפירט ווי ער איז אויסגעוועפט, ער האט נישט קיין חיות, ער האט נישט קיין אינהאלט אין זיך. 'איש האדמה', ער האט זיך געשפירט, אז ער איז געווארן פון א איש צדיק תמים, א איש האדמה. אז מען זיצט א יאר און מען לערנט נישט, ווערט מען א איש האדמה, און דאס האט ער נישט געוואלט, 'ויטע כרם', האט ער איינגעפלאנצט א כרם, ער האט זיך אראפגעזעצט לערנען תורה, וואס כרם ווייזט אויף תורה.

*

**אבער** עס גייט נאך מער. טרויבן איז זייער א חשובע פרי, עס איז פון די שבעת המינים, ארץ חטה ושעורה וגפן (דברים ח-ח). גפן איז א חשובע פרי צום עסן, אבער עס קען נשתנה ווערן למעליותא, מען קען מאכן פון די טרויבן בעסערס פון טרויבן. ווען מען נעמט די טרויבן, און מען מאכט דערפון וויין, איז די וויין חשוב'ער פון די טרויבן, אזוי ווייט, אז די חכמים האבן קובע געווען דערויף אן עקסטערע ברכה. אויף אלע דזשוסע"ס מאכט מען נישט קיין עקסטערע ברכה, אדרבה, די דזשוס פון א פרי איז די ברכה נאך שוואכער ווי די פרי אליין, עס ווערט נשתנה לגריעותא, די פרי איז בעסער ווי די זאפט דערפון. טרויבן ווערט נשתנה למעליותא, אז ווען מען האט געמאכט דערפון וויין, מאכט מען דערויף אן עקסטערע ברכה, א בורא פרי הגפן, ווייל עס איז חשוב.

**ווי** אזוי מאכט מען ווייַן פון טרויבן. מען דארף עס פרעסן, מען דארף עס קלאפן, האקן, אריינלייגן אין א גת, מען צוקוועטשט עס, און מען דרוקט עס, ביז עס קומט ארויס די וויין. און נאכדעם לייגט מען אוועק די וויין, און ווי עלטער די וויין ווערט, ווערט עס אלץ נשתנה למעליותא, יין ישן שדעת זקנים נוחה הימנו (מגילה טז:), ווי עלטער עס ווערט, איז עס אלץ חשובער.

**א** בית המדרש ווערט אנגערופן אז עס איז א כרם ביבנה. א בית המדרש וואו מען לערנט תורה, איז א וויינגארטן, וואס עס וואקסן דארט טרויבן. אבער עס איז נאכנישט פארטיג, דאס איז נישט די מעליותא, מיט דעם האט מען נאכנישט געענדיגט. די עילוי פון די טרויבן איז, ווען מען קען מאכן דערפון וויין, ווען מען קען מאכן דערפון יין, דעמאלטס קומט ער צו, צו דעם עיקר חשיבות. אבער דער יין קען נישט ווערן, נאר ווען א מענטש צוברעכט זיך פאר תורה, נאר ווען ער איז מקיים וואס עס שטייט אין די משנה (אבות ו-ד) פת במלח תאכל, ובמים במשורה תשתה, ועל הארץ תישן, וחיי צער תחיה, אם אתה עושה כן אשריך בעולם הזה. אונז רעד מיר נישט אז מען זאל מקיים זיין וואס עס שטייט אין די משנה כפשוטו, עס איז אפשר נישט געמאכט געווארן פאר היינטיגע דורות, שוואכע דורות. אבער דאס אז מען דארף צוברעכן אלע תענוגים, אלע זייטיגע זאכן, ער זאל נישט זיין אינטערעסירט אין די וועלט, ער זאל נאר ליגן אין תורה, דאס איז די חשיבות פון א כרם. די חשיבות פון א כרם איז, אז מען נעמט די טרויבן, און מען צוברעכט עס, מען פלאגט זיך אויף תורה, מען זיצט אויף איין פלאץ א שעה און נאך א שעה, און ער לערנט תורה, דאס ברענגט די חשיבות פון תורה.

**און** אז מען איז זוכה נאכדעם צו תורה, מען ווערט די בחינה פון יין, ווערט עס יין ישן, וואס איז דעת זקנים נוחה הימנו. יעדע משקה, יעדע פרי, ווען עס ווערט אביסל עלטער, ווערט עס ערגער. א פרי וואס מען נעמט אראפ פונעם בוים, האלט זיך א וואך, צוויי, דריי, אבער נאכדעם הייבט עס אן צו שימלען. די זעלבע איז אויך מיט יעדע משקה וואס ווערט געמאכט פון די פירות. איין זאך איז דא, וואס ווי עלטער עס ווערט, ווערט עס אלץ חשוב'ער און חשוב'ער, דאס איז יין. וויין וואס איז יין ישן, ווי עלטער עס איז, איז עס אלץ חשוב'ער. און אזוי איז א בן תורה. א בן תורה אין די יוגענט איז אויך זייער חשוב, אבער אז מען איז זוכה צו זיין יין, און מען ווערט נאכדעם יין ישן, מען ליגט אין תורה, מען עלטערט זיך אין תורה, מען לאזט נישט נאך, אפילו ווען מען גייט ארויס פון בית המדרש, איז מען נאך ווייטער צוגעבינדן צו תורה, ער איז ווייטער ממשיך צו לערנען 'ובהם נהגה', דאס איז דער עיקר חשיבות פון יין ישן, אז עס איז דעת זקנים נוחה הימנו.

**מיר** זענען נישט ווי נח, וואס מיר זענען געווען א יאר איסערן בית המדרש, אבער א חודש איסערן בית המדרש זענען מיר יא געווען. מיר זענען אלע געווארן א איש האדמה אין א געוויסן וועג. אביסל נאכגעלאזט פון די התמדת התורה וואס איז דא אין משך פונעם יאר, וואס מען לערנט ב"ה פלייסיג. אבער א בין הזמנים ברענגט מיט זיך מיט, אסאך נישט גוטע זאכן. 'ויחל נח', מען שפירט זיך חולין, מען שפירט זיך א 'איש האדמה'. און אויף דעם איז די עצה, מען זאל זיך אריינווארפן אין תורה, 'ויטע כרם', איינפלאנצן א כרם, מען גייט צוריק אין די ישיבות, מען גייט צוריק לערנען, זיך אריינווארפן אין תורה, ווי מען האט פריער געהערט, אז אלעס דארף א מענטש מבטל זיין, עס האט נישט קיין שום ווערד, קיין שום זאך האט נישט קיין חשיבות, נאר ווען מען וואקסט אויס א תלמיד חכם און א ערליכער יוד. צו וויסן די יסודות פון תורה, וואס א יוד איז, און פארוואס ער איז דא אויף די וועלט, מה חובתו בעולמו, דאס אלעס איז מען זוכה, ווען מען לערנט תורה.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אז יעדער איינער זאל קענען אויספירן זיין שאיפה וואס ער האט צו וואקסן אין תורה. געדענקן אז מיר זענען א כרם, מיר זענען נישט מקבל קיין הרכבה, עס איז נישט דא קיין שום פרעמדע זאך וואס קען זיך אויסמישן מיט תורה. די תורה דארף זיין ריין תורה, תורה אליין, אן עפעס אנדערש! און די חשיבות פון א כרם איז, בשעת מען צוקלאפט עס, און מען צוברעכט די טרויבן, און מען מאכט דערפון יין.

**דער** אייבערשטער זאל אונז געבן, אז מיר זאלן האבן די מעגליכקייטן צו שטייגן אין תורה, און וואקסן אין תורה. דער זכות פון תורה זאלביישטיין פאר אונז אלע, מיר זאל זוכה זיין צו האבן א גוט געבענטשט

יאר, א פרייליך יאר און א לוסטיג יאר, און אינאיינעם אקעגן גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר תפלת מנחה נכנסו הציבור הגדול הנמנה כאלף מאתיים איש כ"י לאולם הגדול, שנערך באופן מלכותי, מרהיבת עין, כראוי וכיאות לכבוד התורה, ונטלו ידיהם לסעדת מצוה.

יושב ראש המעמד ידידינו הר"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו קידם את פני הבאים, וכיבד את הר"ר **הערשל פאלל** הי"ו, מחשובי לומדי החבורה ולוקחי הבחינות מדי חודש בחדשו, למסור את דבר החבורה, ואכן הרתיק את לב השומעים, כשתיאר איך חיי האדם מתהפכת לגמרי כשמאוגדים בהחבורה ולוקחים הבחינות, ומאוגדים באילנא דחיי **כ"ק מרן רבינו שליט"א**.

אחר כך נכנס **רבינו שליט"א** לאולם הגדול לקול שירת 'כי אורך ימים ושנות חיים ושלום יוסיפו לך', ונטל ידיו לסעודת המצוה.

אחר פרקי שירה וזמרה על ידי מקהלת המנגנים, השמיע היו"ר הר"ר **מאיר מרדכי** הי"ו דיבורים מיוחדים על המעמד קידוש שם שמים בסדר הלימוד 'יום שכולו תורה', ועל הזכיה הגדולה שאנו זוכים לקבל הדרכה תמידית בכל תחומי החיים מאת **רבינו שליט"א**, המדריכנו במסילות נהדרות בחובת האדם בעולמו בעבודת ה', והעלה על נס שמחתינו מתוך הלל ושבח לה' שזה שלשים שנה לטובה אשר קהלתינו ומוסדותינו הק' מתנהגת תחת דגלו והדרכתו של **רבינו שליט"א**, ועת הזמיר הגיע לראות פירות מתוקים של ריבוי עצום בעלי בתים אברכים ובחורי חמד הנמנים בחבורת קהלתינו הק' לתפארה, ומה גם ריבוי הלומדים בחבורת 'ובהם נהגה' ולוקחי הבחינות מידי חודש בחדשו, אשרינו מה טוב חלקינו.

אחר כך נשמעו דברי זכרון לע"נ **כ"ק מרן בעל עזר מיהודא זצ"ל** על ידי תלמידו הנאמן הר"ר **שלמה צבי שפיטץ** הי"ו, שהעלה זכרונות מיוחדים ונפלאים בדרכו ובמשנתו הטהורה, בלימוד התורה והשקפת החיים.

עם סיום דבריו נתכבד **הגה"צ רבי מנחם פישער שליט"א** דומ"ץ דקהלתנו הק' במאנסי באמירת ההדרן, והר"ר **אברהם פנחס בערקאוויטש** הי"ו אמר את הקדיש. בגמר הקדיש פרצה כל הקהל בשירה וזמרה וריקודין של שמחה, בנתינת שבח והודיה להשי"ת על טוב חלקינו וגורלינו להיות נמנים בצבא ה' ללמוד וללמד תורתו הק', ומה יפה ירושתנו שזכינו לסיים סדר מועד, ובעזהשי"ת להתחיל סדר נשים. הריקודין נמשכו למשך זמן בשמחה וחדוה עילאה.

אחר הריקודין מסר **רבינו שליט"א** מתנת כסף מהודרת לנדבן הסעודה, ופטרון חבורות ובהם נהגה בבארא פארק, הר"ר **מענדל שטיינער** הי"ו. כמו כן מסר **רבינו שליט"א** כוס של כסף להר"ר **יהושע שטערן** הי"ו, אשר הוא הגבר העומד בראש חבורת 'ובהם נהגה' זה רבות בשנים, וכעת לקח על עצמו לסדר מעמד 'הקהל' הנהדרה מהחל עד כלה, לשמחת לב כל אנשי שלומינו, המשבחים ומברכים לעומתו על שזכה וזיכה את הרבים.

אחר כך נשמעו חרוזים נפלאים על ידי הר"ר **יואל ברוין** הי"ו בליווי מקהלות שירה וויגנערליך, כשבראשם מנעימים הר"ר **יעקב דאסקאל** הי"ו, ואחיו הר"ר **שלמה דאסקאל** הי"ו.

אחר פרקי שירה וזמרה הס הושלך בהיכל עת פתח **רבינו שליט"א** את דברות קדשו ברגשי הלב באמרו: איך געב אפ א שבח והודאה פארן רבונו של עולם, שהחיינו וקימנו והגענו לזמן הזה. דער אייבערשטער האט מיר געגעבן די זכיה צו דערלעבן דעם היינטיגן טאג, א טאג וואס דאס איז פון די שענסטע טעג אין מיין לעבן...

בראשית דבריו דיבר **רבינו שליט"א** בשבח חבורת 'ובהם נהגה', ובגודל חשיבת להיות נמנה בחבורה של יראי ה', שזה התבלין נגד היצר הרע לעמוד בנסיונות הזמן.

בדבריו האריך לתאר התפתחות קהלתנו ומוסדותינו הק' במשך שלשים שנים שעברו עלינו לטובה, שכל זאת בזכותם של מייסדי הקהלה שמסרו נפשם בהקמת הקהלה והמוסדות, וזכותם עומדת לגדל ולהגביר חיילים בדרך התורה והחסידות.

בהמשך דבריו חיזק **רבינו שליט"א** את הקהל הקודש בעבודת ה' בכל מצב שעומד, ולהיות שמח בחלקו שהזמין השי"ת עבורו. ובחשיבות שש מצות תמידיות ששומר האדם במשך היום, וצריכין לחזור עליהם ולהרהר בהם תמיד.

בסיום דבריו הביע **רבינו שליט"א** דברי תודה והוקרה לכל העוסקים והמסייעים בגוף ובממון לטובת קהלתנו הק' בכלל, ולטובת חבורת 'ובהם נהגה' בפרט, ובראשם הר"ר **יהושע שטערן** הי"ו אשר עבד בלי לאות לסדר המעמד הגדול הזה. והוסיף ברגשי לבבו דיבורים מיוחדים לכלל ציבור אנשי שלומינו המסייעים בשגשוג ופריחת קהלתנו ומוסדותינו הק', באומרו: עס איז מיר א געוואלדיגע זכיה, און איך דאנק דעם אייבערשטען, אז דער באשעפער האט מיר געגעבן די יארן, אז איך זאל קענען אויפטון לה' ולתורתו, און ב"ה אז מען זעהט פירות דערפון, גיט עס א עקסטערן כח. אונזער קהלה ב"ה וואקסט און בליהט. פארוועס איז צו פארדאנקען אז די קהלה בליהט? פאר די יודען וואס זיצן דא! עטץ זענטס די וואס זענען מעמיד די קהלה, עטץ זענטס די לומדי תורה פון די קהלה, עטץ זענטס די וואס קומען דאווענען אין די קהלה, עטץ זענטס די וואס הערן די דרשות פון די קהלה. עטץ זענטס די מחזיקים פון אונזערע מוסדות, דאס וואס טויזענטער קינדער ווערן נתחנך ביי אונז, דאס איז ענקער כח, עטץ לייגטס אריין די געלט, מיליאנען דאלער גייט ארויס פון דעם ציבור, עס זאל זיך קענען האלטן אונזערע מוסדות. - און די וואס זענען נאנט צו מיר, וויל איך עקסטער באדאנקען. עטץ זאלטס נישט מיינען אז עס גייט אלעס אזוי גרינג, עס איז דא אסאך שוועריקייטן. און די וואס שטייען צו הילף, און זיי געבן דעם חיזוק און דעם עידוד ווייטער אנצוגיין, די האבן א חלק אין די הרבצת התורה, וואס קומט ארויס פון דעם מקום.

אחר הדברות קודש עמדו כל הקהל בריקודים של שמחה והודאה למשך זמן. **רבינו שליט"א** בירך ברכת המזון על הכוס, ועברו לקבל כוס של ברכה.

אחר שעות ארוכות של עונג רוחני בלימוד התורה וחיזוק לעבודת ה' פנו כל הקהל לביתם עם קבלות חדשות להגביר חיילים ללימוד התורה הק' ביתר שאת ועוז, ועם רגשי לב הומים על גודל כבוד התורה שהיה במעמד המרומם הלזה, אשר את זכרו לא יסיף מהם לאורך ימים ושנים.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**אודה** ה' מאד בפי ובתוך רבים אהללנו, איך געב אפ א שבח והודאה פארן רבונו של עולם, שהחיינו וקימנו והגענו לזמן הזה. דער אייבערשטער האט מיר געגעבן די זכיה צו דערלעבן דעם היינטיגן טאג, א טאג וואס דאס איז פון די שענסטע טעג אין מיין לעבן. ווען עס קומען זיך צוזאם אונזער קהלה קדושה, וואס א גרויס חלק דערפון האבן זיך מחבר געווען אין די חבורה פון **'ובהם נהגה'**. מען האלט זיבן יאר פון ווען מען האט אנגעהויבן די חבורה, און עס איז דא א ציבור בליעה"ר פון הונדערטער יודען וואס לערנען מיט, א ציבור פון איבער טויזענט מענטשן זענען זיך צוזאמגעקומען לכבוד די שמחה, איז ביי מיר באמת א געוואלדיגע שמחה. און עס איז א טאג פון שמחה פאר אונזער קהלה. דאס וועט אריינגיין אין דעם זכרון פון די ימי הקהלה, פאר די שענסטע זמנים וואס מיר האבן געהאט. אין לנו שיור רק התורה הזאת. עס איז נישט געבליבן היינט, נישט קיין בית המקדש, לא כהן ולא נביא, מיר האבן גארנישט, נאר די תורה, וואס דאס האלט אונז.

**רוב** פונעם ציבור האבן זיך משתתף געווען אין די חבורה פון 'ובהם נהגה'. ב"ה עס איז דא א טייל וואס האבן אנגעהויבן דעמאלטס, און זיי האלטן שוין יעצט ביים מסיים זיין גאנץ סדר מועד. זיי האבן צוגעלערנט מסכת הוריות, עס איז פערצן מסכתות, און מען הייבט אן מסכת יבמות, וואס הייבט זיך אן מיט די ווערטער 'חמש עשרה', די פופצענטע מסכת. עס איז דא וואס האבן אנגעהויבן אינדערמיט, זיי זענען מסיים א טייל פון די מסכתות. עס איז דא אזעלכע וואס האבן אנגעהויבן, און זיי האבן איבערגעלאזט אינדערמיט, אבער סוף כל סוף האבן זיי א חלק אין דעם סיום.

**מען** זעהט אז דער אייבערשטער האט אזוי צוגעפירט, אז עס איז געווארן אזא ענין אין די גאנצע וועלט. תורה האט באקומען א חשיבות און א ווערד ביי יעדן פשוטען יוד, מען זיצט און מען לערנט, די בתי מדרשים זענען פול מיט יודען וואס זיצען און לערנען תורה. איך טראכט אסאך מאל, אז די סיבה דערפון איז, זה לעומת זה עשה האלקים (קהלת ז-יד), טעכנעלאגיע האט איבערגענומען די וועלט, די גאס איז אזוי געזינקען, מיר האבן נישט קיין השגה, מען זאל נישט וויסן אפילו, צו וואס מען קען צוקומען, יעדער וואו ער וויל, און ווען ער וויל, אין ארבע כנפות הארץ, קען וויסן וואס טוט זיך אין פריוואטע זאכן וכדומה. בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל:), דער אייבערשטער האט געוואלט, אז אונז זאל מיר האבן א תבלין אקעגן

דעם יצר הרע, האט דער אייבערשטער אונז אריינגעגעבן א געפיל צו תורה. ווען מען לערנט תורה, דעמאלטס איז מען אפגעהיטן פונעם יצר הרע. וויפיל טויזנטער שעות איז אריינגעגאנגען פאר די יודען וואס האבן מיטגעהאלטן, וואס ווען נישט די תורה וואס זיי לערנען, וואלט ער דאך אין דער צייט מיטגעהאלטן אנדערע זאכן. און מען האט זיך אפגעריסן פון די וועלט, און זיך אריינגעלייגט אין תורה. אשרי חלקם, וואויל איז זייער חלק, אז זיי האבן אויסגענוצט זייער לעבן פאר לימוד התורה.

**און** מען הייבט יעצט אן מסכת יבמות, א גאנץ יאר וועט אויסקומען צו לערנען די מסכתא. און **מען לאדנט איין מיט דעם יעדן איינעם, ווער עס האט נאר די מעגליכקייט, ער האט פרייע צייטן, ער איז נישט פארנומען מיט אנדערע שיעורים, זאל זיך זעהן אנצושליסן אין די חבורה וואס מען לערנט.** עס איז אפשר א שווערע מסכתא פאר א טייל יודען וואס הייבן אן צו לערנען, עס איז אביסל פרעמד, אבער דער באשעפער האט דאס אויך אויסגעשטעלט. עס איז געווארן היינט געדרוקט גמרות וואס איז זייער גרינג צו לערנען. אפילו איינער וואס איז נישט קיין גרויסער בן תורה, ווען ער טוט זיך אביסעלע אריינלייגן, קען ער לערנען יעדע בלאט גמרא, און עס פארשטיין. מען האט געגעבן די מעגליכקייט, אז יעדער איינער זאל קענען צוקומען צו תורה. און אפילו עס וועט זיין שווערע בלעטער במשך די צייט, וואס ער וועט פילען אז עס איז אים צו שווער, זאל ער איבערהיפן דעם בלאט, און ער זאל גיין ווייטער לערנען. ער זאל נישט אפהאקן, ווייל עס איז אים שווער געווארן דער לימוד התורה, זאל ער אוועקגיין דערפון. תורה איז די איינציגסטע זאך וואס האלט אונז צוזאם, וואס דאס איז אונזער כח אין דעם גלות, אונז זאל מיר דאס קענען אויסהאלטן.

*

**מען** האלט נאך דעם יום טוב פון סוכות. סוכות האבן מיר גענומען די ד' מינים, אתרוג, לולב, הדס, ערבה. דער ערבה האט אבער אנדערע פונקציעס אויסער דאס וואס מען האט אים גענומען מיט די ד' מינים. זיבן טאג פון יום טוב האט מען אים גענומען צוזאמען מיט די ד' מינים, דעם אונטערשטען טאג איז יום הערבה, נעמט מען די ערבה אליין, און מען קלאפט אים אויף דער ערד. נאכדעם נעמט מען די ערבה, און מען לייגט עס ארויף אויפן ארון הקודש, אין דער הייך, ער בלייבט אין בית המדרש. יעדע זאך האט אין זיך עפעס א לימוד וואס מען דארף זיך אראפלערנען דערפון.

**די** תורה האט געהייסן מען זאל נעמען די ד' מינים צוזאמען, ווי עס שטייט אין מדרש (ויק"ר ל-יג), אז עס ווייזט אויף פיר סארטן יודען וואס איז דא אינעם כלל ישראל. דער אתרוג איז דער וואס האט מעשים טובים און תורה. נאכדעם איז דא דער וואס האט נאר מעשים טובים. און דער וואס האט נאר תורה. דער ערבה איז ליידיג, ער האט גארנישט, נישט קיין תורה, און נישט קיין מעשים טובים. אבער די תורה האט געהייסן, אז מען דארף אים אריינעמען אין כלל ישראל, מיר זענען זיך מאגד גאנץ כלל ישראל צוזאמען. דער פשוט'סטער יוד האט א חלק אין די תורה, אין כלל ישראל, אזוי ווי דער אתרוג.

**אבער** עס פארלאנגט זיך צו דעם איין תנאי, אז ער זאל זיך לאזן בינדען צוזאמען מיטן אתרוג. ווען ער האלט זיך צוזאם, דער ערבה שטייט נישט פאר זיך אליין, דער ערבה איז צוגעבינדן צו ערליכע יודען, ער האט א קשר צו דעם אתרוג, צו דעם לולב, צו דעם הדס, איז אפילו ער איז א ערבה, פון דעסטוועגן דאך ווערט ער א חלק פון די ד' מינים. און דער אתרוג קען נישט יוצא זיין, זיין חיוב, ביז ער האט נישט דעם ערבה דארטן. די ד' מינים זענען מעכב, עס ווערט ממש איינס, דער גאנצער כלל ישראל צוזאמען. דאס איז נאר ווען ער לאזט זיך בינדען צוזאמען מיטן אתרוג.

**ווען** מען נעמט דעם ערבה אליין. דער ערבה האלט זיך פאר א שיינעם יוד, ער דארף נישט זיין צוגעבינדן צו קיין צווייטן, קיינער זאל אים נישט איינטיילן, ער פארשטייט אליין וואס ער האט צו טון, דער ערבה בלייבט אליין. נעמט מען דעם ערבה, און מען שמייסט עס צו דער ערד, פאר דיר ביסטו גארנישט. אן ערבה וואס האט נישט קיין תורה, און ער האט נישט קיין מעשים טובים, און ער איז פאר זיך, האט ער נישט קיין חשיבות.

**אבער** מען זאגט פאר דעם ערבה. ווען דו ביסט אליין האסטו גארנישט, האסט נישט קיין תורה און

קיין מעשים טובים, אבער איך געב דיר אן עצה, אז דו זאלסט קענען עקזיסטירן. נעם דיך צום לערנען! מען נעמט דעם ערבה, און מען לייגט אים ארויף אויפן ארון קודש, דארט איז דער פלאץ וואו דער ערבה קען אויך אנהייבן צו בליען. ווען דו וועסט זיין צוגעבינדן צו די תורה, וואס אין די ארון הקודש ליגט די תורה הק', דו וועסט זיין צוגעבינדן צו די תורה הק', קענסטו זיין א כתר תורה, דו קענסט אויסוואקסן צו זיין א קרוין פאר די תורה. אונז אלע, אין וואס פארא מצב מיר זענען, ווען אונז גיי מיר זיך ארויפלייגן אויף די תורה, און אונז גיי מיר זיך צובינדן צו די תורה, קען יעדער פון אונז שטייגן און צוקומען צו זיין שלימות.

**און** יעצט איז דער זמן. מען האלט ביי א סיום פון גאנץ סדר מועד, מען זאל טראכטן זיך אנצושליסן אין די חבורה. עס איז נוגע סיי פאר די בעלי בתים, עס איז נוגע פאר די בחורים. ב"ה ביי אונז אין די ישיבה גדולה איז ארייגעלייגט דער סדר פון 'ובהם נהגה' אין דעם סדר פון די ישיבה, אז א בחור זאל זיך צוגעוואוינען אז אויסער די שיעורים וואס מען לערנט אין די ישיבה, דארף ער האבן א מסכתא אין דער זייט, וואס דאס דארף ער קענען. א גאנץ יאר לערנט מען אדורך מסכת יבמות אי"ה, ער זאל זיין צוגעוואוינט אז ווען ער וועט ווערן א יונגערמאן, און ער גייט ארויס פון די ישיבה, זאל ער אויך זיין צוגעבינדן צו דעם סדר הלימוד.

*

**אונזער** קהלה, קהל עדת יראים, איז געגרינדעט געווארן פון יודען וואס זענען געווען בעלי מסירת נפש. יודען וואס האבן אדורכגעלעבט א קריג, און זיי האבן איבערגעלאזט זייער מקום בעירום ובחוסר כל, און ארויסגעקומען אהער אויף אמעריקא. זיי האבן נישט געהאט קיין ברויט צו עסן, מען האט נישט געהאט קיין שטוב, פארלוירן משפחות און אזוי ווייטער, און פון דעסטוועגן דאך האט מען אנגעהויבן אויפצושטעלן תורה. און מען האט צוזאמגעשטעלט די קהלה, און זיי האבן עס א נאמען געגעבן 'עדת יראים', ווייל דאס איז געווען דער אמת, זיי זענען געווען יראים ושלימים, אן עדה פון ערליכע יודען. און מיט זייער מסירת נפש האבן זיי אויפגעשטעלט די קהלה.

**עס** איז ביי מיר נישט קיין ספק, אז די אלע נשמות וואס האבן אויפגעשטעלט די קהלה, די שטייען אויבן אין הימל און זיי קוועלן, וואס עס איז געווארן פון די קהלה וואס זיי האבן אויפגעשטעלט! עס איז אפשר אין חיצוניות זענען זיי געווען אשכנז'ישע יודען, און עס איז נישט געווען אויסגעשטעלט אזוי ווי דער ציבור איז היינט. אבער דאס איז געווען אין חיצוניות. די אלע נשמות זענען שוין היינט נישט דא, זיי זענען אלע אין עולם העליון, און דארטן זענען די אלע זאכן אויף וואס מען האט זיך אמאל געקריגט, קלייניקייטן. דארט איז אלץ אבדה אהבתם שנאתם קנאתם [ווי מען האט געלערנט יעצט אין סוף מסכת הוריות] דארטן איז דא איין זאך, כבוד שמים! אז מען זאל דינען דעם אייבערשטען! און דאס איז געווארן פון די קהלה וואס זיי האבן אראפגעלייגט מיט מסירת נפש, אז עס איז געווארן א מקום פון ערליכע בני תורה, וואס וואקסט און בליהט ב"ה!

**דער** פריערדיגער דור, א טייל וועלן אפשר נאך געדענקן, אמאל, די שול אין וויליאמסבורג, די ערשטע שול איז דאך געווען דארטן, האט מען געדאווענט שחרית, און ניין אזייגער האט מען צוגעשפארט דאס בית המדרש, צוגעמאכט מיט א שלאס. און עס איז געווען צוגעשפארט א גאנצן טאג, מען האט עס צוריק געעפענט צו מנחה מעריב, און נאך מעריב האט מען צוריק צוגעשפארט דעם בית המדרש.

**ב"ה**, היינט איז דער בית המדרש אפען, פון די פריע פארטאגס שעות, ביז די שפעטסטע נאכט שעות, און מען זיצט און מען לערנט דערין תורה א גאנצן טאג! אין די פארטאגס און ביינאכט, איז כמעט נישט דא צו טרעפן א פלאץ ליידיג אין בית המדרש, אז מען זאל קענען לערנען מיט א חברותא, אזוי איז געווארן דער מקום, א מקום פון תורה. די מסירת נפש וואס א מענטש לייגט אריין אין דער יוגענט, קען אסאך מאל האבן פירות אויף לאנגע יארן שפעטער וואס עס שפראצט ארויס דערפון. אונזער בית המדרש איז א מקום וואס איז מלא תורה ותפלה, עס איז דא מנינים פון צופרי ביז כמעט ביז חצות, וואס מען דאווענט מנינים, איינס נאך דאס אנדערע.

**די** שבתים און ימים טובים, ווי אזוי עס קוקט היינט אויס ביי אונז אין בית המדרש, אנגעפולט מיט

אהבת ה', און יראת ה'. וויפיל תורה עס גייט ארויס אין די טעג, וויפיל עבודת ה' עס געפונט זיך, דרשות, שלש סעודות, און אזוי ווייטער, וואס דאס גיט חיזוק און עידוד פאר יודען ווייטער אנצוהאלטן אין די דרכי התורה.

**די** שול אמאל, איז מוצאי שבת געווען דער פלאץ וואו מען האט דאס ערשטע געדאווענט מעריב. מען האט געוואוסט, מען קען אהין גיין, דארט וועט מען האבן דעם ערשטען מנין פאר מעריב. ב"ה היינט ווען מען וויל טרעפן די שפעטסטע מנין פאר מעריב, קען מען קומען אין די וויענער שול. א שעה נאכן זמן ענדיגט מען מעריב.

**עס** איז געווארן א מקום פון תורה און עבודת ה', יודען קומען זיך צוזאמען, מען לערנט מען דאווענט, עס איז זיכער נאר פון די כוחות פון די פריערדיגע רבנים וואס מען האט געהאט, און פון די פריערדיגע בעלי בתים וואס האבן עס אויפגעשטעלט, וואס אין זייער זכות האט זיך אנטוויקלט דער פלאץ פאר א מקום תורה.

**די** מוסדות התורה, וואס האבן זיך צוואקסן ביי אונז אין די קהלה זייט דעמאלטס. די תלמוד תורה, און די מיידל שולע ביי אונז. אונז פארמאג מיר היינט איבער צוויי און א האלב טויזענט קינדער אין אונזערע מוסדות! עס איז צוויי און א האלב טויזנט קינדער וואס גייען אי"ה אויפשטעלן ערליכע יודישע שטובער! - אונז פארמאג מיר קעמפס, וואו עס איז דא אין משך פונעם זומער, איבער טויזענט קינדער!

**אין** די ישיבה קטנה און אין די ישיבה גדולה איז דא איבער צוויי הונדערט בחורים וואס זיצן און לערנען, און מען הארעוועט על התורה ועל העבודה. דארט בין איך אביסל מער נאנט, ווייל דארט געפין איך זיך אינעווייניג, **און איך קען זאגן ברבים, אז מען קען עס אנרופן א ישיבה קדושה, א הייליגע ישיבה! וויפיל ערליכקייט און יראת ה' עס געפונט זיך אין די ישיבה, איז דא ווייניג פלעצער וואו מען קען עס געפונען.** בחורים, אמת'דיגע עובדי ה', זייער תורה, זייער לערנען, זייער דאווענען. זייער דאווענען דארף זיך גארנישט שעמען פון א דאווענען אין תולדות אהרן, מען קען דאס אויך טרעפן ביי די בחורים ביים דאווענען.

**אין** די ישיבות לייגט מען א געוואלדיגן כח אויף דיסציפלי"ן, שמירת הזמנים, אלעס איז מיט א סדר. אויף אהבת חברים איינער צום צווייטן. און עס זעהט זיך ב"ה אן, גדיים נעשים תיישים, יונגעלייט וואס זענען ארויסגעקומען פון די ישיבה, זענען ב"ה אלע יראים ושלימים, בעלי מדות טובות, וואס איז א זעלטענהייט צו טרעפן.

**די** פאריגע וואך קומט צו מיר צו א יוד אין בית המדרש, ער שטעלט זיך פאר ווי אזוי ער הייסט, און ער זאגט מיר, איך דאווען דא אין דעם בית המדרש אין וויליאמסבורג, אינדערוואכן, שוין דריי יאר, איך וויל זאגן, איך האב א געוואלדיגע הנאה דא אין בית המדרש. איך וועל עס באמערקן, זאגט ער, מיט איין ווארט: אז דער 'איש את רעהו חיים בלעו', אז איינער זאל איינשלינגען דעם צווייטן, עקזיסטירט נישט אין דעם בית המדרש! דאס נאנטקייט, און די אהבה, און דער אחדות וואס איז דא, איז א זעלטענהייט. - ביי אונז אין בית המדרש איז דא פאר די קינדער חברת תהלים שבת צופרי פארן דאווענען, און בשעת שלש סעודות זינגט מען מיט זיי זמירות, און נאכדעם גייט מען ארויס מיט זיי, און מען האלט זיך צוזאמען.

**אונזער** קהלה פארמאגט כוללים. כולל בוקר, כולל ערב, און כולל פון א גאנצן טאג, וואו איבער הונדערט פופציג יונגעלייט זענען זיך ממית באהלה של תורה, זיי זיצן און לערנען תורה. אונז האב מיר ב"ה חשובע דיינים, און מורי הוראות, ביי אונז אין די קהלה. און א בית הוראה, צו פסק'נען שאלות. מען גיט פאר יעדן איינעם, וואס א קהלה דארף געבן. דאס איז אלעס אין זכות פון די פריערדיגע, וואס זיי האבן אראפגעשטעלט דעם יסוד, אז עס האט זיך צובליהט ב"ה פאר אזא שיינע קהלה.

**איך** פערזענליך אין די קהלה פרוביר צו טון מיין ארבעט, עבדות אני נותן לכם. איך קען נישט זאגן איך בין יוצא ידי חובתי וויפיל מען דארף, ווייל עס איז שווער צו זאגן אז מען איז יוצא ידי חובתו אקעגן א ציבור. און אז איך האב דעם גאנצן ציבור דא, וויל איך מפייס זיין, טאמער איך האב אמאל איינעם באליידיגט, און אפשר האב איך נישט געטון וואס מען דארף צו טון. אבער מיין שטוב איז אפען א גאנצן טאג, איך האב נישט קיין שעות, צופרי און ביינאכט, ווען א יוד דארף עפעס, און איך בין אין

שטוב, איז אייביג אפען און ער קען אריינקומען און איבערשמועסן. איך געב ב"ה סערוויס ווי מען זאגט, פאר דעם וואס דארף עס האבן.

**איך** בין זיך משתדל צו גיין צו די שמחות וואו מען רופט מיך, און עס איז נישט אזוי גרינג, עס איז ב"ה א גרויסער ציבור מיט אסאך שמחות. איך האב ב"ה וואס צו טון מיט די צייט! איך קום קוים אן מיטן טאג און מיט די נאכט! אבער איך וויל צוזאמהאלטן דעם עולם, איך וויל קענען זיין א משפיע פאר זיי, און איך וויל ער זאל זיין צוגעבינדן צו אונז, וועגן דעם בין איך זיך מטריח. - און איך בין מתפלל צום אייבערשטען, אז דער באשעפער זאל מיר געבן ווייטער די כוחות הנפש, אז מען זאל קענען ווייטער דינען דעם ציבור, אזוי ווי עס דארף צו זיין.

*

**היינט, אז א מענטש זאל באלאנגען צו א קהלה, איז א זאך וואס מען קען עס אנרופן, אז דאס האלט יודישקייט.** איך טראכט אסאך מאל, די קהלה ביי אונז, וואס האט זיך געגרינדעט דורך גאר ערליכע יודען, איך מיין, אז ניינציג פראצענט פון זייערע קינדער באלאנגען נישט ביי אונז אין די קהלה, אפשר צען פראצענט פון די מייסדים, זענען זייערע קינדער און זייערע אייניקלעך געבליבן דא. ווייל מען האט נישט מחנך געווען, אז מען דארף זיין צוגעבינדן צו א רב, אז מען דארף זיין צוגעבינדן צו א רבי'ן, מען דארף האבן א מורה דרך. בימים ההם מען האט געקענט זייער גרינג קריטיקירן א רב וכדומה, עס האט נישט אריינגעברענגט דעם ריכטיגן רעספעקט אין פנימיות וואס מען דארף האבן. יא, אין חיצוניות איז געווען אלעס זייער שיין, מען האט זיך אויפגעשטעלט, און מען האט געטון וואס עס פאסט, מען האט זיך געבויגען דריי מאל, אבער נישט דאס איז די נקודה דערין. די נקודה אז מען זאל זיין צוגעבינדן צו תלמידי חכמים, זיין צוגעבינדן צו א מורה דרך, דאס איז א יסוד, וואס האלט יודישקייט היינט. מען זעהט, די אלע וואס פאלן אוועק, רובא דרובא באלאנגען נישט אין ערגעץ, מען האט זיי נישט מחנך געווען אויף דעם וועג. און דאס וואס א קינד זעהט ביים טאטען, אז דער טאטע איז צוגעבינדן אויף א פלאץ, ער באלאנגט אין א קהלה, און ער ווערט מיט דעם ערצויגן, דאס ברענגט אים צו, ער זאל אויך זיין צוגעבינדן צו דעם פלאץ, ער האט ביי זיך איינעם אויף וועם ער קוקט ארויף. און דאס האלט יודישקייט אין די היינטיגע דורות.

**עס** איז דא א ווארט פונעם **אמרי אמת**. אז עס שטייט אין פסוק אין פרשת עקב (דברים י-כ), אז מען דארף דינען דעם אייבערשטען, את ה' אלקיך תירא, אותו תעבוד, ובו תדבק. אין פרשת ראה (יג-ה) איז עס אויך איבערגע'חזר'ט, און דארט שטייט שוין א לשון רבים, אחרי ה' אלקיכם תלכו, ואותו תיראו, ואת מצותיו תשמורו, ובקולו תשמעון, ואותו תעבודו, ובו תדבקון. פארוואס איינמאל שטייט א לשון יחיד, און איינמאל שטייט א לשון רבים. זאגט דער אמרי אמת, ווייל פאר דעם צווייטען פסוק, שטייט דארט אין די פרשה, אז אויב עס וועט זיין א נביא אדער א חולם חלום, און ער וועט קומען דיך אוועקנעמען פונעם דרך התורה, זאלסטו אים נישט פאלגן. האט דער אמרי אמת געזאגט, ווילאנג עס איז נישט דא פון די השכלה, ווילאנג עס איז נישט דא די וואס נעמען אוועק פון יודישקייט, קען א יוד דינען דעם אייבערשטען אזוי ווי אמאל איז געווען, את ה' אלקיך תירא, אותו תעבוד, דו קענסט זיין אליין דארטן, און דינען דעם אייבערשטען. אבער טאמער עס קומט א זמן וואס עס איז דא א דרוק אקעגן די תורה, און מען דארף זיך שטארקן, אליין קען מען זיך נישט האלטן! ווען מען געפונט זיך מיט א חבורה צוזאמען, דעמאלטס קען מען זיך האלטן. און דעמאלטס איז אותו תיראו, ואותו תעבודו, ובו תדבקון. ווען מען איז צוזאמען מיט דער ציבור, דעמאלטס קען מען דינען דעם אייבערשטען.

**עס איז באמת זייער וויכטיג פאר יעדן איינעם צו וויסן, מען איז מחנך קינדער, מען וויל דאך אז די קינדער זאלן גיין אין דרכי התורה, אויסלערנען קינדער אז מען דארף זיין צוגעבינדן ערגעץ, נישט זיין פאר זיך אליין. ווייל ווען מען איז צוגעבונדן, דעמאלטס האלט מען זיך אויפן דרך התורה.**

*

**מען** שטייט נאך יום טוב, וואס בזמן שבית המקדש היה קיים, האבן יודען עולה רגל געווען, מען איז ארויפגעגאנגען אין בית המקדש, שלש פעמים בשנה יראה כל זכורך את פני ה' אלקיך (דברים טז-טז), כביכול מען האט באזוכט דעם אייבערשטען. און

כשם שבא לראות כך בא ליראות (חגיגה ב.), מען האט זיך באוויזן פארן אייבערשטען, און דער אייבערשטער האט זיך באוויזן כביכול פאר אונז, און א יוד האט געשעפט פון דארטן אויף א גאנץ יאר, וואס ער האט געדארפט צו האבן. און די גמרא (חגיגה ג.) דרש'נט דערויף, מה יפו פעמיך בנעלים (שיר ז-ב), כמה יפין רגליהן של ישראל בשעה שעולין לרגל, ווי שיין זענען די פוס פון יודען, בשעת מען איז געגאנגען אין בית המקדש. אין תרגום איז צוגעברענגט דארטן, אז ווען מען איז געגאנגען אין בית המקדש, זענען זיי געגאנגען מיט נעלי תחש, מיט שיך פון לעדער וואס איז געמאכט געווארן פון תחש. און זיי פלאגען זיך אלע, פארוואס ברענגט מען ארויס די נקודה, אז מען איז געגאנגען מיט שיך פון תחש, בשעת מען האט עולה רגל געווען. אין די עזרה האט מען ממילא נישט געטארט גיין מיט שיך, און אויפן הר הבית האט מען אויך נישט געקענט גיין מיט שיך, וואס איז דער ענין פון נעלי תחש.

**אין** משכן ווען מען האט צוזאמגענומען די נדבת המשכן, איז איינס פון די נדבת המשכן געווען, עורות תחשים, מען זאל נעמען עורות פון תחש, וואס די העכסטע דעק וואס איז געווען אויפן משכן, איז געווען פון עורות תחשים. וואס איז דער תחש? זאגט רש"י (שמות כה-ה), אז דער תרגום טייטשט ססגונא, ששש ומתפאר בגוונין שלו. דער תחש האט זייער שיינע קאלירן, און ער פריידט זיך, און ער רומט זיך, מיט זיינע קאלירן. פארוואס האט דער אייבערשטער אויסגעקליבן אז מען זאל נעמען א תחש, און דאס ארויפלייגן אויף א משכן. אז מען וויל נעמען קאלירטע זאכן, קען מען נעמען עורות, און מען קען עס פארבן אויף די קאליר פון תחש, עס מוז נישט זיין ארגינעל. עורות אלים מאדמים איז אויך נישט געווען ארגינעל רויט, נאר מען האט עס געפארבט אויף רויט. תכלת האט מען געפארבט אויף תכלת. קען מען דאך פון יעדע זאך מאכן די קאליר פון תחשים. פארוואס האט דער אייבערשטער געהייסן, אז מען זאל נעמען עורות תחשים, און דאס לייגן אויפן משכן.

**עס** ליגט דערין א געוואלדיגער מוסר השכל, וואס די תורה האט אונז געוואלט לערנען. בדרך כלל יעדער מענטש פארענטפערט זיך, פארוואס ער שטייגט נישט, און פארוואס ער האט געהאט א דורכפאל אין זיין לעבן, וואס על כל פנים ער קוקט עס אן פאר א דורכפאל. איינער זאגט, איך בין געבוירען געווארן אין די און די שטוב. ווען איך וואלט געבוירן געווארן אין יענע שטוב, וואלט איך געווען אנדערש. וואס זאל איך טון דער אייבערשטער האט מיך אריינגעלייגט דא אין די שטוב. - מען דארף טון א שידוך, און אז דער אייבערשטער האט אים צוגעשיקט א שידוך, האט ער נאך א זאך אויף וואס ער קען ארויפלייגן די שולד. ווען איך וואלט נישט געטון דעם און דעם שידוך, איך וואלט געטון אזא און אזא שידוך, דעמאלטס וואלט איך געקענט אנדערש אויסוואקסן. כביכול דער רבונו של עולם איז שולדיג, ער האט מיך אריינגעלייגט אין דעם שידוך, מוז איך עס אדורכגיין. - פרנסה, ער איז נישט צופרידן פון וואס ער האט, ווייל יענער האט דאך מער. ווען דער אייבערשטער וואלט מיר אריינגעשטעלט אויף יענעם'ס פלאץ, דעמאלטס וואלט איך געקענט דינען דעם אייבערשטען ווי עס דארף צו זיין.

**דאס** איז דער סדר פון א מענטש, ער איז נישט צופרידן פון וואס ער האט, ער קוקט אייביג אויף יענעם. און דאס ברענגט די מרה שחורה, און דאס ברענגט וואס מענטשן זענען אראפגעקלאפט. וואס ער האט, איז נישט גוט, די גראז אויף יענע זייט איז גרינער, דארט איז בעסער. עס איז אויך אין כלליות'דיגען לעבן אזוי, אין דעם פלאץ וואו ער געפונט זיך, זעהט ער נאר די חסרונות, יענער פלאץ איז גוט, יענע קהלה איז גוט, יענע ישיבה איז גוט, יענע תלמוד תורה איז גוט. דאס איז דער סדר פון א מענטש. און דורכדעם לאזט ער נאך פון עבודת ה'.

**א יוד דארף וויסן, אז עס איז אלעס אויסגערעכנט פונעם אייבערשטען, מען האט זיך נישט געקליבן אליין, און דער אייבערשטער האט א חשבון אויף יעדע זאך. מען האט דיך אראפגעשיקט אויף די וועלט פאר א ציל, און דער אייבערשטער ווייסט וואס דער ציל איז, וואס דו דארפסט אויפטון. דו ביסט געבוירן געווארן דו זאלסט זיין דוקא אין די שטוב, און דוקא מיט דעם זיווג, און דוקא אין דעם מקום, ווייל דאס איז דיין וועג וואו דארט קענסטו זיך אויסארבעטן, דארט קענסטו צוקומען צו דיין שלימות וואס דו דארפסט האבן צו עבודת ה'. זיי**

**צופרידן וואו דו ביסט. זיי א שמח בחלקו, פריי דיך, דאס איז מיין חלק, דאס בעהט דער אייבערשטער פון מיר, און איך געב עס אים. איך דארף נישט וואס יענער האט, איך דארף נישט צוקומען צו וואס דער צווייטער איז צוגעקומען, איך בין צופרידן וואו איך בין. דא בין איך, דא האט מיר דער אייבערשטער געשיקט, און דאס האט ער מיר געגעבן, און מיט דעם גיי איך אויסנוצן מיין כח צו דינען דעם אייבערשטען.**

**דאס** איז געווען דער תחש. דער תחש איז שש ומתפאר בגוונין 'שלו', ער איז נישט מקנא א צווייטן, ער איז נישט מקנא ווי אזוי יענער זעהט אויס, איך וויל אויסקוקן אזוי ווי יענער, איך וויל נישט זיין אזוי ווי איך, און טאמער בין איך נישט אזוי, דעמאלטס פעלט אין מיין שמחה. ששש ומתפאר בגוונין שלו, דער אייבערשטער האט מיך אזוי באשאפן, בין איך זייער צופרידן. דאס איז מיין קאליר, און אזוי דארף איך צו זיין, און ער פריידט זיך, ער איז זיך מתפאר דערמיט, און ער דינט דעם אייבערשטען אויף דעם וועג.

**א** יוד דארף זיין א משכן פארן אייבערשטען, ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם (שמות כה-ח), בתוך כל אחד ואחד מישראל, א יוד דארף זיין א משכן פארן אייבערשטען. אויף דעם משכן האט מען ארויפגעלייגט עורות תחשים, דו זאלסט וויסן, ווי אזוי קענסטו זיין א משכן פארן אייבערשטען, ווען דו וועסט זיך אראפלערנען פון דעם תחש, דו וועסט זיין שש ומתפאר בגוונין שלו, ווען דו וועסט זיין צופרידן אין דעם פלאץ וואו דו ביסט, זוך דיר נישט עפעס אנדערש, זוך דיר נישט עס זאל אויסקוקן אזוי ווי ביי יענעם. היינט לעב איך, דער היינטיגער טאג האט מיך דער אייבערשטער געשטעלט אויף דעם און דעם מצב, איך גיי אויסנוצן דעם היינטיגן טאג וויפיל איך קען טון פארן אייבערשטען. דעמאלטס ווערט ער א משכן פארן אייבערשטען.

**מען** איז ארויפגעקומען עולה רגל זיין, מען קען זיך פארשטעלן וואס עס האט זיך אנגעקליבן ביי יעדן אין הארץ א גאנץ יאר, פראבלעמען און זאכן וואס ער איז יא צופרידן, און נישט צופרידן. און ער קומט יום טוב בבית ה', זיך אויסבעטן ביים אייבערשטען וואס ער דארף צו האבן. און די קדושה פונעם מקדש האט געברענט אויף אים, אז דער אייבערשטער האט אים געזאגט, איך בעהט נישט פון דיר עפעס אנדערש, נאר טוה וואס דו דארפסט צו טון, זיי צופרידן מיט דעם וואס איך האב דיר געגעבן, דאס איז די שלימות מיט וואס דו דארפסט דינען דעם אייבערשטען. דארט פון דעם ליראות פני ה', איז ער צוגעקומען צו די הכרה, אז א מענטש דארף נישט דינען דעם אייבערשטען אזוי ווי יענער, עס האט גארנישט צו טון מיט יענעם, דו ביסט א מענטש פאר דיר אליין. אין דיין מצב ווי אזוי דו ביסט, אזוי זאלסטו דינען דעם אייבערשטען.

**ווען** מען איז אהיים געגאנגען, האט מען זיך אנגעטון די נעלים פון תחשים, מען האט זיך ארומגענומען מיט די שיך פון תחשים, מען איז געווען שש ומתפאר בגוונין שלו. איך גיי אוועק פונעם יום טוב, איך גיי אהיים פונעם יום טוב, איך גיי נישט זוכן צו זיין אזוי ווי יענער, נאר אין דעם מצב וואס איך בין, מיט מיין קאפ, וויפיל איך פארשטיי צו לערנען, מיט מיין מעגליכקייט צו דינען דעם אייבערשטען, מיט מיין וועג וויפיל איך קען דאווענען, מיט מיין וועג וויפיל איך קען געבן צדקה, און אזוי ווייטער, אזוי גיי איך דינען דעם באשעפער. - דאס איז געווען די נעלי תחש וואס מען האט זיך אנגעטון בשעת מען איז ארויסגעגאנגען פונעם בית המקדש. ווייל דאס איז דער וועג, ווען א יוד גייט אוועק פונעם יום טוב, ער גייט ארויס פונעם בית ה', דעמאלטס דארף מען אנטון די שיך פונעם תחש, ער זאל זיין שש ומתפאר בגוונין שלו.

**מיר** שטייען אלע נאך די הייליגע טעג. יעדער יוד האט געהאט א התעוררות, יעדער יוד איז דערהויבן געווארן אין די טעג, קיינער איז נישט אזוי ווי ער איז אריינגעקומען אין די טעג. יעדער איינער האט געהאט זמנים און מינוטן וואס מען האט מקבל געווען מיט א אמת'דיגער רצון צו דינען דעם אייבערשטען. און אז מען גייט אוועק פון די טעג, דארף מען אוועקגיין מיט א צופרידענהייט, איך גיי דינען דעם אייבערשטען מיט דעם וועג ווי אזוי דער אייבערשטער האט מיך אראפגעשטעלט אויף דעם עולם, און דעמאלטס קומט ער צו, צו זיין שלימות.

*

**דער** אייבערשטער האט אונז געגעבן תרי"ג מצוות, זעקס הונדערט און דרייצן מצוות. רצה הקב"ה

לזכות את ישראל, לפיכך הרבה להם תורה ומצוות (אבות ו-טו), דער באשעפער האט געוואלט מזכה זיין יודען, האט ער געגעבן א אוצר מיט מצוות. וואו דו גייסט און שטייסט, קענסטו האבן א מצוה! ווען ער גיט נאר א פאר מצוות, דארף מען דאך פונקט אנקומען צו די מצוות, אבער אז דער אייבערשטער האט געגעבן א גרויסע אויסוואל פון מצוות, קען מען דאך אייביג טון דעם רצון ה'.

**אין** די הקדמה פונעם **ספר החינוך** שטייט, אז א גרויס חלק פון די מצוות גייען נישט אן היינט, עס איז נאר געווען בזמן שבית המקדש היה קיים. עס פעלן היינט פון אונז אסאך מצוות וואס מיר קענען נישט מקיים זיין. דער חינוך זאגט, אז עס איז נישט געבליבן היינט מער פון דריי הונדערט און ניין און זעכציג מצוות וואס מיר קענען טון. די איבריגע מצוות איז נישט שייך היינט. מען האט אראפגענומען צוויי הונדערט און פיר און פערציג מצוות, וואס איז נישט נוגע היינט. זאגט דער חינוך ווייטער, פון די דריי הונדערט ניין און זעכציג מצוות, איז דא צוויי הונדערט און זיבעציג מצות, וואס מען דארף גארנישט טון דערצו, נאר יעדער יוד ווערט עס מחויב צו טון. עס קומט שבת, דארף מען האלטן שבת. יום טוב דארף מען האלטן יום טוב. עס מוז נישט זיין קיין סיבה וואס זאל צוברענגען צו די מצוה.

**נאכדעם** זאגט ער, ניין און ניינציג מצוות איז דא וואס יעדער איז מחויב צו טון היינט אויך, אבער עס מוז שוין זיין א סיבה וואס זאל צוברענגען דערצו. ווען דו וועסט האבן א בגד פון ד' כנפות, וועסטו דארפן ארויפלייגן ציצית. אז דו האסט נישט קיין בגד פון ד' כנפות, איז נישט דא קיין חיוב פון מצוות. אבער אפילו די מצוות וואס מיר זענען מחויב צו טון, איז מען נישט מחויב צו טון די אלע מצוות יעדע רגע, עס איז נאר געגעבן געווארן, אז שבת קען מען האלטן שבת, און יום טוב קען מען האלטן יום טוב.

**זאגט** דער חינוך, עס איז דא זעקס מצוות תמידיות, וואס א יוד קען עס מקיים זיין שטענדיג. יעדע מינוט פונעם טאג, קען ער מקיים זיין די מצוה. וואו ער געפונט זיך, און וואו ער שטייט, קען ער מקיים זיין די מצוה. וואס זענען די זעקס מצוות תמידיות? איך וועל עס יעצט זאגן, און טאמער מען וועט עס נישט געדענקען, זאל מען עס שפעטער איינחזר'ן, אז מען זאל עס יא געדענקען. די זעקס מצוות תמידיות זענען, איינס, אנכי ה' אלקיך, מען דארף גלייבן אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט. די צווייטע איז לא יהיה לך אלהים אחרים, מען זאל נישט גלייבן אין קיין אנדערע עבודה זרה. די דריטע מצוה איז, לייחד את ה', עס איז דא נאר איין איינציגער, ה' אחד, עס איז נישט דא עפעס וואס איז א שותף כביכול צום אייבערשטען. דאס איז דריי זאכן וואס האט צו טון מיט אמונה. נאכדעם איז דא צוויי באזונדערע מצוות, אהבת ה', און יראת ה', ליב צו האבן דעם אייבערשטען, און מורא האבן פונעם אייבערשטען. און נאכדעם לא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם. דאס זענען די זעקס מצוות תמידיות.

**און** א יוד דארף זיך איינחזר'ן די זעקס מצוות. ווען ער געדענקט שטענדיג די זעקס מצות, דעמאלטס וואו ער שטייט, און וואו ער געפונט זיך, שטייט ער קיינמאל נישט ליידיג! ער האט אלץ א מצוה וואס ער קען מקיים זיין. אהבת ה', איך האב ליב דעם אייבערשטען. איך האב מורא פארן אייבערשטען. מען טאר נישט אלעס זעהן, מען טאר נישט אלעס גליסטן. איך גלייב אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט, דאס קען מען מקיים זיין בתמידיות, שטענדיג. - עס איז דא א שמועס פון **רבי שלמה קלוגער** (**הגהות חכמת שלמה** או"ח סימן פה), אז אפילו אין בית הכסא, וואו מען טאר נישט מהרהר זיין אין קיין דברי תורה, אבער אין אמונת ה' האלט ער אז מען קען מהרהר זיין, מען קען מקיים זיין די מצוות אפילו אין בית הכסא.

**מען** געפונט ביי יוסף הצדיק, בשעת ער איז געווען אין מצרים, איין יוד צווישן אזויפיל גוים, און די נידריגסטע גוים וואס איז געווען אין מצרים, זיי זענען געווען שטופים בעריות, שטייט אין פסוק (בראשית מא-מב), אז ווען ער איז ארויסגעקומען, וילבש אותו בגדי שש, מען האט אים אנגעטון בגדי שש. רש"י זאגט, ווייל בגדי שש האט א חשיבות אין מצרים. דער רמז דערפון איז, כדי יוסף זאל זיך קענען האלטן ערליך אין מצרים, האט זיך יוסף געדארפט מלביש זיין מיט די זעקס מצוות וואס זענען תמידיות, אז וואו ער איז געשטאנען, און וואו ער איז געווען, האט ער אלץ געטראכט פונעם אייבערשטען, און ער האט געהאט אין זיך די זעקס מצוות וואס ער קען מקיים זיין. יוסף הצדיק איז

געווען א צדיק, ער איז אויסגעוואקסן צו זיין פון די שבעה רועים, וואו האט ער זיך געדרייט? צווישן גוים, צווישן נידריגע גוים, אין דעם פארלאמענט פונעם מלך, ער איז דאך געווען משנה למלך, האט ער זיך געדרייט דארט צווישן זיי. וואס האט אים געהאלטן ביי יודישקייט? ווי אזוי קען זיך א יוד מחזק זיין ווען ער געפינט זיך צווישן אזעלכע עוברי עבירה? וילבש אותו בגדי שש, ער האט גענומען די זעקס מצוות, דאס האט ער זיך איינגע'חזר'ט, אין דעם האט ער שטענדיג געטראכט, אין דעם האט ער געלעבט. ווען ער האט געוואלט מסיח דעת זיין פון וואס עס טוט זיך אויף די גאס, האט ער גענומען די זעקס מצוות, און פון דעם האט ער געטראכט. גיט רש"י צו, דו זאלסט וויסן, אז די בגדי שש האט א געוואלדיגן חשיבות אין מצרים. בשעת מען איז אין מצרים, און מען האט די 'בגדי שש', איז עס א געוואלדיגער חשיבות אז מען קען עס האבן.

**מיר** געפונען זיך אין מצרים, און ערגער פון מצרים. די בגדי 'שש' קענען אונז מציל זיין. **איינחזר'ן פאר זיך די שש מצוות וואס מען דארף שטענדיג געדענקען, און דאס זאל ער האבן פאר זיך. ווען מען האט פרייע צייט, ווען מען זיצט נישט ביי די גמרא, ווען מען קען נישט לערנען, ווען מען דרייט זיך צווישן גוים וכדומה, זאל ער האבן פאר זיך די שש מצוות, די בגדי שש, און דאס וועט אים האלטן ווייטער.**

*

**איך** וויל מיט דעם ענדיגן. **עס איז מיר א געוואלדיגע זכיה, און איך דאנק דעם אייבערשטען, אז דער באשעפער האט מיר געגעבן די יארן, אז איך זאל קענען אויפטון לה' ולתורתו, און ב"ה אז מען זעהט פירות דערפון, גיט עס א עקסטערן כח. אונזער קהלה ב"ה וואקסט און בליהט. פארוועס איז צו פארדאנקען אז די קהלה בליהט? פאר די יודען וואס זיצן דא! עטץ זענטס די וואס זענען מעמיד די קהלה, עטץ זענטס די לומדי תורה פון די קהלה, עטץ זענטס די וואס קומען דאווענען אין די קהלה, עטץ זענטס די וואס הערן די דרשות פון די קהלה, וואס דאס האט א אפקלאנג ביי אונז אין די שטאט, און עס האט א אפקלאנג אויסער די שטאט וכדומה. עטץ זענטס די מחזיקים פון אונזערע מוסדות, דאס וואס טויזנטער קינדער ווערן נתחנך ביי אונז, דאס איז ענקער כח, עטץ לייגטס אריין די געלט, מיליאנען דאלער גייט ארויס פון דעם ציבור, עס זאל זיך קענען האלטן אונזערע מוסדות.**

**און די וואס זענען נאנט צו מיר, וויל איך עקסטער באדאנקען. עטץ זאלטס נישט מיינען אז עס גייט אלעס אזוי גרינג, עס איז דא אסאך שוועריקייטן. און די וואס שטייען צו הילף, און זיי געבן דעם חיזוק און דעם עידוד ווייטער אנצוגיין, די האבן א חלק אין די הרבצת התורה, וואס קומט ארויס פון דעם מקום.**

**און** ביי דעם געלעגנהייט וויל איך טאקע באדאנקען פאר די אלע וואס זענען חברים אין אונזער קהלה. איך רעד נישט פון חברים וואס זענען א מעמבער אין די קהלה, אז נאך די הונדערט און צוואנציג יאר זאלן זיי האבן וואו צו ליגן, במתים חפשי, נישט דאס איז מיין ארבעט, איך ארבעט מיט לעבעדיגע, נישט מיט קיין טויטע... און ביי מיר איז א חשיבות יעדער איינער וואס קומט צו, און ער ווערט א חבר אין אונזער קהלה כדי צו בויען תורה, און צו האבן די זכיה צו האבן א חלק אין די הרבצת התורה וואס קומט ארויס פון אונזער קהלה, האט עס אן עקסטערע חשיבות.

**ב"ה**, עס איז דא אזא שיינער ציבור וואס לערנט תורה, יעדער פארשטייט אז דאס מאכט זיך נישט פון זיך אליין. אין די היינטיגע מסיבה איז אריינגעלייגט געווארן אסאך כוחות פון די עסקנים איבערגעגעבענע יונגעלייט, בלתי לה' לבדו! אן קיין קבלת פרס. קיין איין פרוטה האבן זיי נישט באקומען פאר דעם וואס מען האט צוזאמגעשטעלט דא. זיי האבן נאר צוזאמגעשטעלט געלט פון די וואס זיצן דא, וואס זענען א חלק פון די נדיבי עם, וואס זיי האבן דאס צוגעשטעלט, און דער זכות פון די וואס העלפן פארן רבים איז זייער גרויס.

**איך** וויל באדאנקען פאר די אלע וואס האבן אהערגעשטעלט די מסיבה, עס איז א געוואלדיגער זכות פאר די עוסקים בצרכי ציבור. דער אייבערשטער זאל זיי באצאלן, זיי זאלן זעהן שמחות און נחת ביי זייערע קינדער. איך וועל נישט דערמאנען קיין נעמען, אבער איין נאמען וואס איך קען נישט ארויסלאזן, ר' יהושע שטערן, כאטש ער האט מיך געבעטן איך זאל נישט רעדן פון אים, אבער פון דעסטוועגן דאך, אן אים וואלט די מסיבה

נישט געווען, ער איז געווען אן עומד אויף אלעס ארום און ארום, אז מען זאל קענען צוקומען דערצו, און ער האט אריינגעלייגט אזויפיל שעות ארבעט, ביז חפץ ה' בידו הצליח. זאל אים דער אייבערשטער געבן שמחות און נחת.

**דער** אייבערשטער זאל געבן אי"ה ביי אונז אלע, מען גייט דאך אריין אין א נייע יאר, מען זאל האבן א פריילך יאר און א לוסטיג יאר, א שנה טובה ומתוקה, א לעכטיג יאר און א געזונט יאר, שמחות און נחת ביי אונזערע קינדער. דאס איז די גרעסטע ברכה וואס מען קען היינט וואונטשן פאר א טאטען, אז דער אייבערשטער זאל אים געבן, ער זאל זעהן נחת ביי די קינדער. מען לעבט אין אזא דור, וואס מען הערט זיך היינט אן, עס לאזט זיך גארנישט זאגן וואס עס איז די שוועריקייטן היינט, אז מען זאל קענען ערציען קינדער. ווען מען טראכט ווי אזוי עס וועט אויסקוקן אין פינף יאר ארום, צו אין צען יאר ארום, זאל דער אייבערשטער שומר ומציל זיין. דער אייבערשטער זאל היטן, אז דער גלות זאל נישט נעמען אזוי לאנג. וואס די טעכנעלאגיע האט אלץ חרוב געמאכט אין די פאר יאר, און דאס ווערט נאך אלץ מער פארגעשריטן, מען דארף האבן אסאך סייעתא דשמיא, אז מען זאל קענען מגדל זיין ערליכע דורות.

**און** ווי מען האט פריער גערעדט, מיט דעם וואס מען האלט זיך נאנט אין א חבורה, די ערבה שטייט נישט פאר זיך עקסטער, מען איז זיך מחבר צו א חבורה, מען איז זיך מחבר צוזאמען מיט אנדערע ערליכע יודען, און אזוי דינט מען דעם אייבערשטען, דאס גיט די כוחות פאר די קינדער און די אייניקלעך, אז זיי זאלן קענען אנהאלטן די דרכי התורה.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אז מיר זאלן זעהן שמחות און נחת, בנים ובני בנים עוסקים בתורה. **און איך בעט פונעם ציבור, מען זאל מתפלל זיין פאר מיר אויך, איך בין אויך א מענטש, מען מעג פאר מיר אויך בעטן, דער באשעפער זאל מיר געבן לאנגע און געזונטע יארן, איך זאל קענען עומד זיין על המשמר, און קענען טון דעם פליכט וואס מען האט מיר ארויפגעלייגט מן השמים. דער באשעפער זאל געבן די כוחות, סיי פיזיש און סיי גייסטיש, אז מען זאל קענען אנגיין. עס איז נישט אזוי גרינג אויסצוהערן צרות ישראל וואס עס קומט אן, וואס מען הערטליידער וואס עס גייט אלץ פאר. און וויפיל צייט דאס נעמט, אויסצוגראדן די פראבלעמען וואס איז דא ביים ציבור. דער באשעפער זאל געבן די ריכטיגע דיבורים אינעם מויל, עס איז ביי מיר פון די חשוב'סטע תפלות פון די הייליגע טעג, ווען מען בעהט 'היה עם פיפיות שלוחי עמך בית ישראל', 'הורם מה שיאמרו, הבינם מה שידברו', אז מען זאל קענען ארויסהעלפן פאר יודישע קינדער. דער אייבערשטער זאל שטיין אונטער זיי, שלא יכשלו בלשונם, ולא ינקשו בשינונם'.** דער אייבערשטער זאל געבן פאר אונז אלע אריכת ימים ושנים, און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום שני פרשת נח***

רבינו שליט"א התפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו זכרון יהודא. אחר התפלה שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **יקותיאל דוב בלום** הי"ו (חתן הר"ר שמחה פריעדמאנן הי"ו), שהתקיים בבית המדרש ראחמיסטריווקא.

אחר הברית נכנס **רבינו שליט"א** לביקור אצל **כ"ק האדמו"ר מראחמיסטריווקא שליט"א** בחדרו שע"י הבית המדרש.

בשעות אחר הצהרים התפלל **רבינו שליט"א** תפלת מנחה בבית המדרש סאמבאטהעלי. אחר התפלה נסע לשדה התעופה בדרכו לפאלם ספרינגס למנוחה.

*

***שבת קודש פרשת נח***

בליל שבת קודש התפלל **רבינו שליט"א** בבית המדרש חב"ד בעיר. תפלת שחרית וסעודה שלישית נערך בבית המדרש שע"י בית הרבני הנגיד הר"ר **מענדל שווימער** הי"ו.

* * *

***יום רביעי פרשת לך לך***

בשעות הלילה הגיע **רבינו שליט"א** לביתו נאוה, אחר ששהה כמה ימים בפאלם ספרינגס למנוחה.

***יום חמישי פרשת לך לך***
בשעות אחר הצהרים מסר **רבינו שליט"א** שיעור היומי בשלחן ערוך לתלמידי הישיבה גדולה (הל' שבת דיני בישול סימן ש"ח). אחר כך התפלל שם תפלת מנחה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **מרדכי נאה** הי"ו, שהתקיים באולם בית רחל.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'**, בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל השבע ברכות של בת הר"ר **משה לעפקאוויטש** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אברהם מענצער** הי"ו, שהתקיים באולם פאפא קידוש זאל. **רבינו שליט"א** נתכבד באמירת השבע ברכות, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***ערב שבת קודש פרשת לך לך***
לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **מרדכי נאה** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **ישעי' ורובל** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אחיו ע"ה.

*

***שבת קודש פרשת לך לך***
בליל שבת קודש התפלל **רבינו שליט"א** בבית המדרש החדש טארניגראד בהנהלת חתנו **הרה"ג רבי יואל הלברשטאם שליט"א**. **רבינו שליט"א** נתכבד להתפלל תפלת מנחה לפני התיבה.

לפני קבלת שבת השמיע **רבינו שליט"א** מדברות קדשו לכבוד פתיחת הבית המדרש, ובשבח חתנו האב"ד שליט"א שהנהגתו משפיע על סביביו בכל הענינים.

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק בעל מאור עינים מטשערנאביל זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום י"א חשון). בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**.

ביום שבת קודש אחר התפלה שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **יעקב גליק** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש אור תורה.